# עֲלִילַת־דָּם

## אִין יְרוּשָׁלַםִ

טהעאַטער פֿאָרשטעלונג אין פֿיער אַקטען און פֿינף בילדער.

פֿאָן

יְהוֹשֻׁעַ הַלֵּוִי מֵזַח.

ווילנא תר"ע

---

# Алиласъ Дамъ инъ Іерусалимъ.

т. е. кровавый навѣтъ въ Іерусалимѣ.

Соч. О. МЕЙЗАХА.

1909.

281

אך, וויפיל אידישעס בלוט איז שוין פארגאסען געווארען איבער דעם פאלשען בלבול „עלילת־דם", וויפיל צרות, עגוים קשים ומרים האבען אידען דערפון געליטען.

דער שרעקליכער נידערטרעכטיגער בלבול „עלילת־דם" עקסעסטירט נאך עד היום. דארום האב איך אז מיין געגענווארטיגע פארשטעלונג וועט זיין א דבר בעתו... עס וועט ערקאנט ווערען אז דער בלבול איז פאלש. וועט זיין שלום על ישראל.

יהלו"ם

# די פערזאנען:

רבי ברוך: א רב אין ירושלם. אלט לערך 80 יאהר

עמנואל: א שמש אין א קלויז. . . . . . . . . . 65 „

חוה אפרוש: } יונגע לייט לערנען אין קלויז. . . . . .
יוסף א בטלן:

גראבמאן: א קצב . . . . . . . . . . . . . . . 50 „

וואלף: זיין זוהן . . . . . . . . . . . . . . . 30 „

ליב דראנג: דעם קצב'ס א קרוב . . . . . . . . . .

שמואל: א קרעטשמער . . . . . . . . . . . . .

פחה: אין ירושלם . . . . . . . . . . . . . . .

פטמה: א מהמדנערין . . . . . . . . . . . . . 25 „

עשמה: איהר טאכטער, א קליין קינד . . . . . .

יהודים, פאליציי, סאלדאטען, ענדע

פיערטען אקט: מוזיקא. — א טענציל —

לוסטיג לעבעדיג פרעהליך.

# עלילת־דם

## אין ירושלים

פערלאַג זלמן מזח (פהילאדעלפהא אמעריקא).

# ערשטער אקט.

## ערשטער אויפטריט.

[א גרויסע קלויז. ביי דעם מזרח וואנד שטעהט אנ׳ארון קדש. אין מיטען קלויז — א בימה. אונטערן בימה ליגען צוריסענע ספרים און א פלאש שמעק טאבאק וואס פון איהר שמעקען די מתפללים. ויהי בחצי הלילה. די נאכט וואס געהערט צו ערב פסח, האט גראבמאן געעפענט א פענסטער פון קלויז און ער מיט זיין זאהן וואלף זענען דורך דעם פענסטער אריינגעקראכען אין קלויז. וואלף האט אין זיין האנד געהאלטען א גרויסען קצבישען מעסער און גראבמאן — א פלאש פול מיט בלוט. שנעל איז ער צוגעלאפען צום ארון קרש, געעפענט די טהירליך, ארויסגענומען די פלאש וויין — וואס דער שמש מאכט פון איהר קידוש און הבדלה — און האט אריינגעשטעלט די פלאש בלוט, די טהירליך פון ארון קדש האט ער — פון איילענים — פארגעסען צו פארמאכען.]

גראָבמאַן. (פרייכט און שמייכעלט פון שרעק אין שמחה) מיר האָבען אָבגעטהון אַ קינסטליכע שטיקעל אַרבייט, דער רב מיט אַלע אונזערע שונאים ליגען שוין אַזוי גוט ווי געבונדען, מיט דעם האַלדו אויסגעצויגען צו דער שהיטה. דער שוחט וועט זיין דער פחה. ער איז אַ גוטער פראַקטישער שוחט. ער האָט סמיכה פון שולטן .... (גראבמאן טרינקט פון די פלאש וויין.) איך מוז דיר מיין ליב קינד ערציילען: שוין פיעל יאָהרען בין איך אַ קצב. פון אַנדערע עסקים וויים איך ניט. פאָריגען שבת נאָך מיטאָג בין איך פאַרטראַכטערהייט געגאַנגען צו מיינעם אַ גוטען פריינד. געהענדיג איף דער גאַם האָב איך אַרויסגענומען אַ שנופטוך פון טאַש. פון וויטען האָט דאָס דער שוחט, בטלן און פרוש געזעהען, האָבען זיי באַלד ערציילט דעם רב. ער האָט דערפון געמאַכט אַ גאַנצע „חד גדיא". ער האָט געזאָגט: אַ קצב וואָס ערלויבט זיך מהלל שבת צו זיין בפרהסיא, קאָן ער פאַר־קויפען טרפה פלייש אַלס כשרה, האָט ער באַלד באַפוילען זיין שמש אויסצורופען אין אַלע קלויזען אַז איך ליג אין הרם. במילא טאָר איך מעהר קיין קצב זיין. בין איך געבליבען אָרעם, פשוט אָהן ברויט (ער טרינקט פון פלאש).

וואָלף: וואָס דיינקסט דו, פאָטער, ווייטער צו טהון?

גראָבמאַן: איך דיינק צו נעהמען נקמה פון דעם רב מיט זיין „לייב־גוואַרדיע". אָבער אַ נקמה עס זאָל קלינגען אויף דער גאַנצער וועלט.

וואָלף: יאָ, פֿאָטער, איך גלויב אַז געוויס, איז די נקמה זיס, די „וועלט" זאָגט ריכטיג, אַז די נקמה איז וויכטיג, אָבער אין אַ נויט, גיבט קיינער דערפֿאַר אַ ביסען ברויט.

גראָבמאַן: נישט קשה. זיי זיכער אַז דער פחה וועט אונז פֿיר די מסירה געבען פֿיל געלד, אויך אַלע אידישע שונאים וועלען אונז רייך מאַכען, אַ קליינִיג-קייט צו זאָגען, שוין אַזויפֿיל יאָהרען זוכען די שונאי ישראל יענע יהודים וואָס דאַרפֿען בלוט אויף פסח. אָבער ביז היינטיגען טאָג האָט נאָך קיינער ניט געפֿונען אַפֿילו איין יהודי וואָס זאָל געברויכען אַ טראָפּען בלוט אויף פסח.

וואָלף: עס זענען דאָך יאָ געוועזען משפטים וועגען די יהודים וואָס ברויכען בלוט אויף פסח.

גראָבמאַן: יאָ. אין פֿריִשיעדענע לענדער זענען געוועזען משפטים וועגען „עלילת-דם", פֿיל אונשולדיגע אידען האָבען דערפֿון זעהער שטאַרקע צרות געליטען. לסוף האָבען די שופֿטים בעפֿרייט די אונשולדיגע אידען און האָבען עפֿענטליך ערקלעהרט אַז „עלילה-דם" איז שוא ושקר. ווייסט דו וואָרום דאָס איז געווען? ווייל די „בלבולים-מאַכער" האָבען קיינע קלאָהרע ריכטיגע פֿאַקטען געהאַט צו ווייזען, אָבער יעטצט אַז מיר ביידע וועלען ווייזען אַזאַ קלאָהרען פֿאַקט, וואָס קיין מענש וועט ניט קענען אָבלייגנען, דען וועלכער מענש וועט קאָנען ריכטיג בעוויזען אַז אונזער מסירה איז פֿאַלש? יוען אַפֿילו אַלע אידען פֿון דער גאַנצער וועלט וועלען זיך צוּרייסען שרייענדיג און שווערענדיג די גרעסטע הארבסטע שבועות אַז זיי ווייסען פֿון קיין בלוט און געוויס האָבען די מוסרים אַריינגעשטעלט די פֿלאַש בלוט אין ארון קדש, וועט ניט דער פחה און ניט קיין מענש זיי גלויבען, מיך דוכט זיך אַז אַפֿילו אַלע מלאָכים פֿון די זיבען הימלען און גאָטט דערצו וועלען אויך די אונגליקליכע גאָר נישט קאָנען העלפֿען. ווייסט דו וואָס נאָך? אָט וועסט דו זעהען דאָס פֿיל פראָסטע אידען וועלען אויך גלויבען אַז דער רב מיט זיינע חסידים דאַרפֿען לויט קבלה געברויכען כריסטליכע אָדער מאַהמעדאַנישע בלוט אויף פסח, אַך! איך שטעל מיך פֿאָר ווי אַלע „עלילת-דם-פֿאַרטיידיגער" וועלען קיין זכות געפֿינען צו פֿאַרטיידיגען, זיי וועלען זיך שעמען און מיר וועלען דורכדעם רייך ווערען.

וואָלף. הער, פֿאָטער, איז דאָס אמת וואָס די יהודים באַריהמען זיך. אַז דער אידישער גאָטט דרעמעלט ניט און שלאָפֿט ניט, ער היט זיי, ער טהוט מיט זיי נסים ונפלאות, אפשר, פֿאָטער, וועט ער יעטצט אויך טהון מיט זיי אַ נס, די מסירה אונזערע וועט זיך אַרויסווייזען אַז זי איז פֿאַלש, וואָס וועט דענסטמאָל זיין מיט אונז? דער פחה וועט אונז שטאַרק בעשטראָפֿען.

גראָבמאַן: אפשר פֿאַרצייטען האָט גאָט געטהון מיט די אידען נסים ונפלאות, אָבער ניט היינט, אָט זעהסט דו דאָך ווי גאָטט קוקט און שווייגט, ער

באַקימערט זיך גאָר ניט וועגען די אידען, ער האָט זיי געמאַכט הפקר, יעדער שונא ישראל קאָן טהון מיט זיי וואָס ער וויל און ווער עס טהוט די יהודים גרויסע צרות, ווערט ער דערפאַר אַ גרויסער פּאַשאַ··· וויפיל אונגליקען די אידען האָבען שוין געהאַט פון די אַראַבער, שרעקליכע גזירות: דאָ ניט עטעה. דאָרטען — ניט געה, דאָס ניט טהו. דאָ איז ניט דיין רוה, און נאָך פערשיעדענע טיראַנישע אונמענשליכע באַגרענצונגען וואָס איך וויל יעצט ניט עראינערן און אין אַנדערע ווייטע און נאָהנטע לענדער איז דען דעם דאָרטיגען אידען בעססער? שוין אַזויפיעל יאָהרען ווי די אידען ליידען צרות און גאָטט קוקט און שווייגט, וואָלט ער האָטש שווייגען, וואָלט נאָך געווען נישט-קשה ··· אָבער זיהע אַ מערקווירדיגקייט, אויסער וואָס גאָטט באַשטראָפט ניט די יודענפיינדע פיר זייערע רציחות, גיבט ער נאָך אַריין אַ געדאַנקען אין די שופטים'ס הערצער אַז זיי זאָלען אויך ניט באַשטראָפען די רוצחים. אַליאָ קאָנסט דו דיך פאָרשטעלען אַז דער פחה וועט געפינען אַ פלאַש בלוט אין אָרון קדש וואָס ער וועט טהון דעם רב מיט זיינע חסידים. אַרבע מיתות בית דין וועט דערפאַר זיין וועניג פאַר זיי, יאָ, אַזוי מוז איך טהון, איך וועל יעצט געהען צום פחה, איהם אויפוועקען פון שלאָף און ערצעהלען איהם אַז דער רב מיט זיינע פרומע יהודים האָבען געקוילעט אַ מאַחמעדאַנישעס קינד און דאָס בלוט האָבען זיי בעהאַלטען אין קלויז, איך וועל איהם ראַטהען דאָס ער זאָל קיין צייט פאַרליהרען באַלד זאָל ער מיט זיינע דינער געהען אין קלויז זובען דאָס בלוט, וועט ער געוויס געפינען, ווען אָבער ער וועט וואַרטין, וועט דער רב דערווייל צוטהיילען דאָס בלוט זיינע פרומע יהודים, דען היינט איז ערב פסח, ברויכען זיי באַקען מצה שמורה נעמישט מיט כריסטליכע אָדער מאַחמעדאַנישע בלוט.

וואָלף: פיליינט וועט דער פחה דיר ביטען אַ ריכטיגען קלאָהרען בעוויז דערצו אַז זיי באַקען מצה שמורה געמישט מיט בלוט, וואָס וועסט דו איהם ענטפערן?

גראָבמאַן: איך וועל איהם זאָגען: דאָס דער רב ערלויבט קיינעם ניט אויסער זיינע חסידים זיך באַשעפטיגען מיט די מצה שמורה, געוויס טהוט ער דאָס ווייל ער האט מורא פאר פרעמדע מענשען, ער וויל זיי ניט מגלה זיין דעם סוד.

וואָלף. דאָס איז נאָך ניט אַ ריכטיגער קלאָהרער בעוויז. ווייל דער רב קאָן זאָגען: [illegible] איז ביי איהם אַזוי ליעב, אַז ער וויל ניט דאָס פרעמדע הענד — אויסער [illegible] זיינע חסידים — זאָלען זיך באַשעפטיגען מיט מצה שמורה און צווישען אונז גערעדט איז דאָך דאָס אמת.

גראָבמאַן: יאָ אמת ניט אמת, ווען דער פחה וועט געפינען די פלאַש בלוט אין ארון קדש, וועט ער אונז אַלס גלויבען.

וואָלף: פֿילייכט פֿרעגט דיר דער פחה: פֿון וואַנען ווייסט דו ריכטיג אַז זיי האָבען בלוט אין קלויז? וואָס וועסט דו איהם ענטפֿערן?

גראָבמאַן: איך וועל איהם ענטפֿערן ראָס דער רב רעכענט מיך אַלס פֿרומער איד, וויל ער מיך מזכה זיין מיט דער גרויסער מצוה צו עססען מצה שמורה וואָס איז געבאקין מיט מאַחמעדאַנישע בלוט, האָט ער מיר געביטען דאָס איך זאָל קומען פֿאַר טאָג אין קלויז נעהמען מיין חלק בלוט.

וואָלף: פֿילייכט פֿרעגט דיר דער פחה פֿון וואַנען ווייסט דו אַז דאָס איז מענשליכע בלוט אפֿשר איז דאָס בלוט פֿון אַ בהמה, אָדער פֿון אַ עוף?

גראָבמאַן: איך וועל איהם ערציילען: אַז דו האָסט געזעהען ווי דער רב און דער שוחט האָבען געהענדיג אויף דער גאַס געטראָפֿען אַ קליינינקע מאַחמעדאַנישעם קינד, האָבען זיי איהר געגעבען באָקשאַרען און געזאָגט צו איהר. אויב דו ווילסט ראָזינקעס מיט מאַנדלען, קום מיט אונז וועלען מיר דיר געבען, דאָס מעדכען איז מיט זיי געגאַנגען אין קלויז אריין, בינסט דו זיי נאָכגעגאַנגען זעהן וואָס וועלען זיי טהון מיט איהר. האָסט דו געקוקט דורך די לאָך פֿון טהיר וואו די שליסעל שטעקט, האָסט דו געזעהען אַזאַ בילד. איינער אַ אונבעקאַנטער—דאַכט זיך אַז דאָס איז געוועזן דער גבאי פֿון קלויז—האָט איהר מיט אַ טוך פֿאַרשטאָפּט די מויל זי זאָל ניט קאָנען שרייען, דער רב האָט מיט זיינע ביידע הענד אויפגעהייבען איהר קאָפּ, דער שוחט האָט מיט אַ חלף געשניטען איהר האַלדז, דער בטלן האָט אַ גרויסע טיעפֿע שיסעל. כדי דאָס בלוט זאָל אינעווייניג אַריינרינען. דער פרוש האָט נאָכדעם דאָס בלוט אַריינגעגאָסען אין אַ פֿלאַש. וואו ער האָט די פֿלאַש בעהאַלטען ווייסט דו ניט.

וואָלף: פֿילייכט איז איין עד וועניג צו אַזאַ וויכטיגע זאַך?

גראָבמאַן; דער צווייטער עד — וואָס באשטעהט נעגען טויזענדע עדים — וועט זיין די פֿלאַש בלוט.

וואָלף: פֿילייכט פֿרעגט מיך דער פחה: וואָרום האָב איך ניט געשריען הויך כדי מענשען זאָלען קומען ראַטעווען דאָס אונגליקליכע מעדכען פֿון טויט?

גראָבמאַן. דו וועסט ענטפֿערן דאָס ערשטע האָסט דו מורא געהאַט צו שרייען, פֿילייכט לויפֿען זיי אַרויס פֿון קלויז און קוילען דיך אויך, אַ קשיא אויף אַזעלכע רוצחים, בלוט פֿרעכער און דאָס צווייטע דער שרייען וואָלט ניט געהאָלפֿען. ווייל דער קלויז שטעהט ווייט פֿון אַ גאַס, קיינער געהט דאָרטען ניט, אויסער דער רב מיט זיינע חסידים וואָס געהען אין קלויז דאַוונען, אַלזאָ וואָס האָסט דו געקאָנט טהון? ברענגען פאָליציי פֿון שטאָדט, וואָלט ניט געהאָלפֿען, ווייל זיי וואָלטען געקומען צו שפעט...

וואָלף: דער פחה וועט זיך דאָך געוויס וואונדערן וואָרום איז קיין מאַחמעדאַנער געקומען אין פאָליציי מעלדען דאָס ביי איהם איז אַ קינד פֿאַרפֿאַלען געוואָרען?!

גראָבמאַן: דאָס האָב איך שוין בעזאָרגט, פטמה האָט שוין געמעלדעט אין פאָליציי דאָס איהרע אַטאָכטער איז פערשוואונדען געוואָרען און זיא איז חושד דאָס געוויס האָבען די יהודים איהר געגנבת צו זייער געברויך...

וואָלף: אויב דער פתחה וועט מיט מיר ריידען, וועל איך איהם זאָגען אַסימן מובהק, נעמליך: דער שוחט נאָכן קוילען דאָס מעדכען, האָט ער דעם חלף אָבגעוויכט אָן איהר קליידעל, ווען דאָס מעדכען זאָל געפונען ווערען מיט איהר קליידעל, וועט יעדער מענש ערקענען דעם בלוט פלעק.

גראָבמאַן: בראַוואָ, מיין זאָהן, בראַוואָ, דו בינסט אָהן עין הרע אַגרויסער חכם!

וואָלף: פיליכט פרעגט מיר דער פחה: וואָרום בין איך באַלד ניט געקומען מעלדען, אפשר וואָלט פאָליציי געפונען איהר טויטען קערפער מיט די פלאַש בלוט.

גראָבמאַן: דו וועסט ענטפערן אַז דו בינסט פון זייער רציחה אַזוי שטאַרק צוטומעלט געוואָרען אַז קוים בינסט דו אַלעבעדיגער אַהיים געקומען, דו האָסט ניט געקאָנט זיך ריהרען פון אָרט, דו האָסט קיין כח געהאַט אַפילו מיר צו ערציילען דאָס וואָס דו האָסט געזעהען.

וואָלף: אפשר וואָלט געווען גוט אַז דו, פאָטער, זאָלסט—פאַר געלד—בעקומען צוויי מענשען וואָס זאָלען „עדות" זאָגען אַז זיי האָבען געזעהען דעם פרוש מיט דעם בטלן טראָגענדיג אַזאַק פון קלויז. זיי זענען געגאַנגען שנעל, כמעט געלאָפען אויף דעם וועג וואָס געהט צום טייך, צוריק זענען זיי געגאַנגען אָהן דעם זאַק, וואַרשיינליך איז אין זאַק געלעגען אַ געהאַרגעטער האָבען זיי דעם זאַק מיט דעם געהאַרגעטען אַריינגעוואָרפען אין טייך.

גראָבמאַן. „וואַרשיינליך" צו אַזאַ זאַך, טויג ניט, זיי דאַרפען זאָגען אויף געוויס, מיט סימנים דערצו.

וואָלף: אַסימן וועלען זיי זאָגען דאָס זיי האָבען נאָכדעם געפונען בלוט אויף דעם וועג.

גראָבמאַן: דער איין סימן איז וועניג.

וואָלף: דאַרף מען גאַנבענען אַמאַחמעדאַנישע מעדכען, איהר קוילען און אַריינוואַרפען אין טייך, געוויס וועלען מענשען איהר געפינען, וועלען מיר נאָכדעם זאָגען אַז דאָס איז פטמה'ס טאָכטער.

גראָבמאַן: דער פלאַן געפעלט מיך, איך וועל זעהען מיט אַלע מעגליכ־קייט צו בעזאָרגען.

(זיי הערען קלאַפענדיג אין טהיר)

וואָלף: ווער ווייסט וואָס פאַר אַשד עס קומט, איך וועל מיך בעהאַל־טען אונטערן בימה, דו, פאָטער, עפען די טהיר, אויב עס וועט אַריינקומען

אַ שלאַק וואָס ער איז געפֿערליך פֿאַר אונז, וועט זיין דמו בראשו, איך וועל אויף איהם הינטען בעפֿאַלען, איך וועל איהם ביזדען שינדען שטעבֿען ברעבֿען, בייסען רייסען גאָהר אָהן רחמנות, פה תהא קבורתו. ער וועט קיין צייט האָבען אַפֿילו די קורצע ודוי אָבצוזאָגען. (ער קריצט מיט די צע־נער און בעהאלט זיך אונטערן בימה)

גראָבמאַן: דו וועסט דאַרטען ליגען ביז איך וועל דיך רופֿען (ער עפֿענט די טהיר און שפרינגט אפ צוריק.)

אויפֿטריט פטמה.

(זי לויפט צו שנעל צום ארט וואו גראבמאן שטעהט). איך מעג מיך טאַקע באריהמען אַז איך בין אַ דאַנק גאָטט אַנ'אשת חיל, איך האָב מיין אַרבייט אָפגעטהון נאָך בעסער, שענער און קליגער ווי איהר ה' גראָבמאַן האָט מיך אַ לאַנגע צייט געלערענט.

גראָבמאַן: איך האָב פֿריהער געוואוסט אַז אויף דיך קאָן איך מיך פֿאַרלאָזען. (ער גיבט איהר זיין האנד אלס דאנק)

פטמה (שטויסט אפ זיין האנד פון זיך) וואָס טויג מיר אַ לעערע האַנד? איך ברויך געלד. און געלד און ווידער געלד.

גראָבמאַן: דו האָסט דאָך מיר גאָר ניט ערציילט וואָס דו האָסט אָפגעטהון. איך וויל הערען וואָס האָסט דו געטהון.

פטמה: אָט וועל איך אַייך ערציילען: איך האָב מיין טאָכטער עשמה גענומען פֿון שטוב שפּאַצירען, מיין מאַן איז אין יענער צייט ניט געוועזן צו הויזע, ער האָט דערפֿון אויך ניט געטאָרט וויסען, ווייל ער וואָלט מיך ניט ערלויבען צו טהון אַזאַ זאַך... עס האָט מיך געלונגען אַוועקצופֿיה־ען איהר צו שמואל דעם קרעטשמער וואָס וואָהנט פֿינף וויאָרסט הינטערן שטאָדט, דאָרטען, אין קרעטשמע, האָב איך איהר גאַנץ שטאַרק פֿאַרשלעפֿערט און איך בין פֿון דאָרט אַנטלאָפֿען, וואָס דער קרעטשמער וועט טהון מיט איהר ווייס איך ניט, איך האָב רעזיקירט געמאַכֿט מיין קינד הפקר צוליב אייער פֿערלאַנג, יעצט ליבער הערר באַצאָהלט מיר דאָס געלד אַזוי ווי מיר האָבען אָפגערעדט.

גראָבמאַן: דו ווילסט שוין געלד? דאַכט זיך דו האָסט דיינע אַרבייט נאָך ניט געענדיגט, דו דאַרפֿסט נאָך קומען אין קלויז בעת דער פחה וועט דאָרטען קומען זוכֿען דאָס בלוט.

פטמה: איך וועל אַייך דאָס אויך פֿאָלגען, נור זאָגט מיר וואָס האָב איך דענסטמאָל דאָרטען צו טהון?

גראָבמאַן: דו וועסט דאָרטען שרייען מיט אַ הויכֿען קול אין מיט אַ גרויסען קוויטש—אַזוי ווי דו קאָנסט—יהודים. רוצחים, בלוט פֿ־עסער, געוואַלד, גיבט מיר אָפּ מיין ליבע טאָכֿטער, האָט אַ טויטען קערפּער, דען איהר ברויכֿט דאָך נור איהר בלוט אָבער ניט איהר פֿלייש.

פטמה: וואָס פֿאַר נוטצען קאָן ברענגען מיין שרייען?

גראָבמאַן: דאָס מאַכט מעהר עפֿעקט. עס איז אַקוראַד ווי זאַלין צו אַ שפּיז,

פטמה: איך וועל אַלס טהון ווי איהר פֿערלאַנגט. נור גיבט מיר געלד, וייל איך האָב דאָס זעהער נעטהיג.

גראָבמאַן: געלד וועל איך דיר באַלד געבען, נור יעטצט וויל איך הערען ווי דו וועסט דאָרטען שרייען. נו, שריי.

פטמה: (הוסט זיך אויס און מיט אלע איהרע כחות שרייט זי) יהודים, רוצחים, גיבט מיר אָפּ מיין קינד האָטש אַ טויטען קערפּער, ווען ניט, שטאַרב איך דאָ באַלד פֿון גרויסע צרות.

וואָלף (הייבט אויף זיין קאָפּ פון אונטער דער בימה) אָ, זי קאָן אויפֿוועקען אַ גחלשתן, דאָס איז אַ מכשפה.

גראָבמאַן: דו האָסט פֿאַרפֿעהלט די וויכטיגסטע בעסטע צוויי ווערטער: „בלוט־פּרעסער". ווידערהויל פֿון אָנפֿאַנג אַ צווייטען מאָל.

פטמה (שרייט מיט אלע איהרע קרעפטען) יהודים רוצחים (זי פאנגט אן שטארק צו הוסטען) בלוט פּרעסער (זי הוסט און שרייט) גיבט מיר אָפּ מיין קינד (זי הוסט אזוי שטארק אז זי קאָן מעהר ניט ריידען).

גראָבמאַן: נאָך עטלעכע מאָל דאַרפסטו ווידערהוילען שטאַרק הוסטען, אָבער גאנץ שטאַרק, וואָס שטאַרקער און וואָס מעהר קוויטשן איז אַלץ בעסער. דו מוזט זיך אַיינגעוואָהנען שטאַרק הוסטען און פֿלוכען די יהודים, צוזאַמען פלוכען און הוסטען מיט אַ גרויסען הריפ.

וואָלף (בעווייזט זיך) זי דאַרף אַזוי שטאַרק הוסטען אַז איהר טרפה גאַל זאָל פּלאַטצען.

פטמה: איך וועל מיך מיהע געבען אַזוי צו טהון, נור דערווייל גיבט מיר געלד אויב ניט גאָר אינגאַנצען, האָטש אַ ביסעל, דען איך ברויך געלד.

גראָבמאַן (ער גיבט איהר געלד) דערווייל נעהם צו די עטלעכע מעטאַליק, אחר המעשה, דאָס הייסט נאָך דער אָביכקע, וועל איך דיר צופֿרידענשטעלען, נו, יעטצט האָסט דו דאָ ניט מעהר וואָס צוטהון דו מעגסט געהען, פֿאַרגעס ניט צו ווידערהוילען די ווערטער וועלכע דו דאַרפֿסט ריידען ביי דער אָביסקע.

פטמה [געהט ארויס פון קלויז שרייענדיג] יהודים, רוצחים, בלוט פּרעסער [איהר הוסט מיט דעם קוויטש הערט זיך פון יענער זייט טהיר, דער קול פארשווינדעט]

וואָלף: (קריכט ארויס פון אונטערן בימה) נו, פֿאָטער, האָסט דו שוין אַלס אין אָרדנונג געמאַכט?

גראָבמאַן: אַלס געמאַכט אין בעסטען אָרדנונג, מעהר פֿעהלט ניט ווי איך זאָל געהען צום פחה איהם ברענגען אַהער: דאָס וועט געווים דויערן עטליי״ע

שעה, דען עהדער אַזאַ מענש שטעהט אויף פֿון שלאָף און עהדער ער מאַכֿט זיך מיט אַלם פֿערטיג צו געהען מאַכֿען אַזאַ וויכֿטיגע אָביסקע (פאָזע) ווער ווייסט וואָס אין עטלעכֿע שעה צייט קאָן טרעפֿען, דאַרום זאָלסט דו, מיין קינד ניט אוועק־געהען פֿון דאַנען, דו זאָלסט גוט אַכֿטונג געבען אַז קיינער זאָל די פֿלאַש בלוט ניט אַרויסנעהמען פֿון דעם ארון קדיש, דו זאָלסט דאָ בלייבען ביס איך מיט דעם פחה וועלען אַהער קומען זוכֿען. (אב)

## אויפֿטריט פטמה.

(זי פרייכט פון שטארק לויפען)

וואָלף (ערשראקען) וואָס גיבט נייעס, וואָרום בינסט דו אַזוי שטאַרק פֿאַרמאַטערט?

פטמה: דיין פֿאָטער איז דאָ גאָר נימאָ?

וואָלף: וואָס ברויכֿסט דו איהם אַזוי נעטהיג?

פטמה: ער האָט מיך געגעבען אַ פֿאַלשען מעטאַליק. (זי צייגט איהם דעם מטליק).

וואָלף: (נעהמט דעם מטליק אין זיין האנד. בעקוקט איהם פוןביידע זייטען) ווערסט דו מיך ערלויבען איך זאָל דיך אַקוש געבען, וועל איך דיר געבען אַנאַנדער מטליק.

פטמה: איך האָב מורא אַזאַ זאַך צו טהון.

וואָלף: דו בינסט דאָך אַ גרויסע חכֿמה, אַ פקחית, (און א זייט: אזא יאהר אויף איהר) ווייסט דו דאָך אַז פֿון אַ קוש איז נאָך קיינער חלילה געשטאָרבען. דאַרפֿסט דו דאָך ניט מורא האָבען, אָט וועסט דו זעהען איך וועל דיך אויסקושען אַלע גלידער און דיך וועט חלילה ניט שאַדען.

פטמה: אויב דו ווילסט אַזוי שטאַרק קושען אַ פֿרויענצימער, זענען פֿאַראַן גענוג אַזעלכֿע אין ירושלם וואָס בעטען זיך אַז מען זאָל זיי קושען, איך וויל דאָס ניט, איך האָב אַ מאַן.

וואָלף: אַ פֿרויענצימער וואָס בעט זיך ביי אַ מאַנספערזאָהן אַ קוש, איז ניט ווערט איך זאָל איהר קושען, איך וויל קושען נור אַזוינע ווי דו וואָס אַמוועניגסטען זאָגסט דו אַז דו ווילסט ניט....

פטמה: דו גלויבסט אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָטט וואָס וויל ניט ליידען דאָס אַנ'אשת איש זאָל זיך קושען מיט אַ פֿרעמדען מאַנספערזאָהן. אַללאַה האָט דאָס זעהער שטאַרק פֿאַרבאָטען, ער וויל און באַפֿעלט דאָס יעדע פֿרויענצימער זאָל האָבען אַ געזעטצליכען מאַן.

וואָלף: אויב דו ווילסט ערפֿילען די געזעטצע פֿון אַללאַה, וואָרום ווילסט דו זאָגען ליגען, פֿאַלשע „עדות" דו ווייסט דען ניט אַז אַללאַה האָט דאָס אויך שטרענג פֿאַרבאָטען, אַלזאָ אַ קוש איז דאָך ניט ערגער ווי דאָס..

פטמה: וואָס גלייכסט דו איינע צו די אַנדערע ? פֿאַר מיינע פֿאַלשע עדות זאָגען נעהם איך דאָך געלד, אָבער פֿון אַ קוש וואָס פֿאַר נוטצען קאָן איך האָבען!

וואָלף: פֿאַר דעם קוש וועל איך דיר אויך געבען געלד און אפֿשר נאָך מעהר ווי פֿאַר די פֿאַלשע עדות זאָגען.

פטמה: איך נעהם געלד נור צו טהון אַ רעה אַ יהודי, אָבער ניט פֿאַר געלד מאַכען איהם אַזאַ גרויסען פֿערגעניגען...

וואָלף: דו זאָלסט וויסען דאָס איך בין אויס יהודי, צוליב דיר בין איך געוואָרען אַנ'אמתר מאַחמעדאַנער.

פטמה: „אַנ'אמתר מאַחמעדאַנער"! אָ ניין, דאָס קאָן ניט זיין. אַ יהודי בלייבט אַ יהודי, דיינק גאָר ניט אַז אַ וואַהרע מאַחמעדאַנערין וועט הייראַטהען מיט אַ יהודי וואָס איז אַנטלאָפֿען פֿון זיין פֿאָלק צו די מאַחמעדאַנער.

וואָלף: אַך וואָס רעדסט דו! מיר זעהען אַז פֿיל יהודים וואָס זענען געוואָרען מאַחמעדאַנער האָבען נאָכדעם חתונה געהאט מיט מאַחמעדאַנערינען. זיי האָבען קינדער און לעבען זעהער צופֿרידען און גליקליך.

פטמה: יאָ, ווי לאַנג ער איז געזונד און רייך און זי איז יונג און שעהן, איז ביי זיי אַ גוטער לעבען, קוים זאָל איינע דערפֿון פֿעהלען איז אויס צופֿרידענהייט, אויס גליקליך לעבען, אויס און אויס... עס פֿאַנגט אָן ביי זיי צאַנקעריי, זי עררינערט איהם זיינע אַלטע רטאים, און ער זוכט אויף איהר נייע חטאים... וואָס אַ טאָג ווייטער וועדט שלעכטער, אַז אָך און וועה צו זיי ביידען, די ענדע איז זעהר טרויעריג...

וואָלף: וואָס טויג פֿאַר אונז פֿהילאָזאָפֿהירען, איך האָב דיך ליב און איך מוז דיר זאָגען קלאָהרע ווערטער: אויב דו ענטזאַגסט זיך פֿון מיר מוז איך שטאַרבען (אָן א זייט בעסער זאָל זי זיין מיין כפרה).

פטמה: איך גלויב ניט אין ליבע.

וואָלף: אָט וועל איך דיר ווייזען אַז דו האָסט אַ טעות. פֿון היינט אָן זאָלסט דו אָנפֿאַנגען גלויבען אין ליבע. דאָס ערשטע בעוויז אַז ליבע עקסעסטירט קאָנען מיר זעהען פֿון די פּאָעטען וואָס האָבען לכבודה געזונגען, געשריבען און געדרוקט שירים, זיי האָבען איהר גערופֿען מיט דעם נאָמען „הימלישע טאָכטער", והשנית: האָסט דו דאָך די בעסטע בעוויז אַז איך ליב דיך (אָן א זייט לעבען זאָל זי אזוי) און צוליב דיך, נור צוליב דיך בין איך—אַזוי ווי דו ווייסט שוין—געוואָרען אַ מאַחמעדאַנער.

פטמה: איך מוז דיר דעם אמת זאָגען דאָס מיך טהוט זעהער לייד וואָרום דו האָסט פֿריהער ביי מיר ניט געפֿרעגט אויב דו זאָלסט אַוועקגעהען פֿון דיין פֿאָלק צו מיין נאַטציאָן, איך וואָלט דיך געוויס געראַטהען דאָס דו זאָלסט בלייבען וואָס דו בינסט פֿריהער געווען, דאָס הייסט אַ יהודי. ווייל די וועלט זאָגט

אַ גלייכוווערטיל: דער וואָלף וואַרפט אַוועק זיינע האָאָר אָבער ניט זיין געוואָהנ־הייט, דער יהודי קאָן זיך בשום אופן ניט אָבגעוואָהנען פון זיין פאָלק, ער בלייבט אַ יהודי אויף עוויג, דאָס הייסט: זיין גאַנצען לעבען.

וואָלף: גאַנץ שטארק זיך ביטען ביי דיר דאַרף איך ניט, איך קאָן דאָס טהון אָהנע דיינע ערלויבניש. (ער ארמט איהר ארום מיטביידע הענד און וויל איהר געבען א קוש, זי רייסט זיך ארויס פון זיינע הענד, שטויסט איהם אפ פון זיך און זינגט),

די פרייע יהודים זענען נאַררען,<br>
זיי ווילען זיך צו אונז צו שאַהרען,<br>
אויב זיי ווילען צו אונז שטאַרק קריכען<br>
ווילען זיי חאפען קלעפ אין גיכען<br>
אָבער אַזעלכע גאַנץ גרויסע קלעפ<br>
ווי פון די וואָס שרייען הויך העפ העפ.

(וואלף וויל איהר נאכאמאל ארומנעהמען, זי פאנגט אן צולויפען צום טהיר, לויפענדיג שרייט זי מיט א קוויטש: פארפלוכטער יהודי). (אב)

וואָלף: לויף לויף מיטן קאָפ וואו כפעפער וואַכסט, זי מיינט אַז איך חלש גאָר נאָך איהר. איך דאַרף איהר אויף צעהן טויזענד כפרות, איך וועל בעסער ריידען כון אַ וויכטיגערן ענין: דער פאָטער זאָל געזונד און שטאַרק זיין איז פיל שרעקעדינגער ווי איך, ער האָט מורא פליילכט וועט די כלאש בלוט פאַרשוואונדען ווערען, האָט ער מיך שטאַרק געביטען דאָס איך זאָל אַכטונג געבען דאָס קיינער זאָל איהר ניט אַרויסנעהמען פון ארון קדש, דאכט זיך אנאומזיסטער שרעק און אַ פאלשע פאַנטאַזיע, דען ווער וועט ביי נאכט געהען זוכען אין ארון קדש (ער ציהט זיך שטארק און געגעצט אזוי ווי ער וואלט וועלען שלאפען. ער רייבט זיך די אויגען מיט ביידע הענד) אַ קליינינקייט, אַגאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, די קאָפ איז עפעס דול, אין די אויערן רוישט ווי אַ בין וואָלט דאָרט אַרום פליהען (פאזע) באַמת געפעלט מיך דער גאנצער עסק ניט, דער רב וואָלט זיך געלאָזט איבערבעטען ער וואָלט דעם חרם מבטל געווען. דער פאָטער וואָלט געבליבען א קצב ווי געווען און מיין איינענער שריט געפעלט מיר אליין אויך ניט. עס איז ניטאָ ווער עס זאָל לאַכען, אַ חרפה צו זאָגען אַזאַ מאַחמעדאַנערין, אָט פּמה, וואָס פאַר געלד איז זי מפקיר אַ קינד און זאָגט פאַלשע עדות, אַזאַ נידערטרעכטיגע אויסוואורף שטאָלצירט אויך נעגען אַ יהודי וואָס איז אפילו געוואָרען אַ מאַחמעדאַנער, עס העלפט קיין זאַך, ער בלייבט אַ פאַרפלוכטער יהודי.

### אויפטריט אַ טויטער.

(עס בעווייזט זיך ביי דעם ארון קדש א טויטער אין תכריכים, ער הייבט זיך ווי צו קידוש לבנה, מאכט משונהדיגע בעוועהגונג).

וואָלף: עפעס האָב איך מורא דאָ אין קלויז אַליין צו זיין, אייגענטליך

פֿאַר וועמען שרעק איך מיך? ווייס איך אַליין ניט די אורזאַכע דערפֿון, (ער קוקט אויף דעם ארון קדש) מיך דאַכט זיך: דאָס ביי דעם ארון קדש שטעהט אַ מענש אָנגעקליידעט אין ווייסע קליידער וואָס זעהען אויס ווי תכריכים. (וואלף קוקט שטארקער) אַך ער זעהט אויס שרעקליך, אָי אָי ער שאָקעלט זיך, דאכט זיך ער רעדט, האַ, וואָס הער איך, ער זאָגט, ער זאָגט ישובו רשעים לשאולה .... האַ, ער וויזט מיר אַ קולאַק. וואָס קאָן דאָס בעדייטען? איך מוז צוגעהען נעהנטער זעהען די וואונדערליכע שרעקליכע געשטאַלט (ער געהט לאנגזאם נעהנטער צום ארון קדש, זיין גרויסען שארפען מעסער שאקעלט ער הין און הער אזוי ווי ער וואלט וועלען איינעם שטעכען. דער טויטער פארשוואונדעט) אַך די נאַרעשע איינבילדונגס קראַפט וואָס דאָס רוב קומט פֿון אַ שלעכטע ערציהונג, אָט למשל: מיינע עלטערן האָבען מיך ערצויגען אין פחד. זיי פֿלעגען מיך ביי נאַכט ניט לאָזען געהן אין חדר אָהן אַ שומר, דער שומר פֿלעגט מיר זאָגען אַז אין יענער חורבה טאַגצען שדים און ביי נאַכט קומען מתים אין שול דאַוונען, דער שרעק פֿאַר שדים און מתים איז ביי מיר געבליבען איינגעוואורצעלט טיעף אין הערצען, אַז אַפילו יעצט שרעק איך מיך אַליין צו זיין אין קלויז, מיין מעסער, דער געטרייער שומר, העלפֿט מיך אויך ניט דערצו, (פאזע) איך וועל געהען מקבל פנים זיין דעם פתח מיט זיינע קינדער מיט מיין פֿאָטער און מיט די פֿאַרפֿלוכטע פטמה'ן. (ער רוקט זיך שנעל ארויס פון קלויז). (אב)

## פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

## ענדע ערשטער אַקט.

# צווייטער אקט.

## ערשטער אויפטריט.

(די זעלביגע קלויז. עמנואל, דוד און יוסף שאקלען זיך איבער אפענע גמרא'ס און זינגען מיט דעם בעוואוסטען גמרא ניגון).

עמנואל: מיר האָט היינט גליקמאן דער אַדוואָקאַט ערצעהלט: דאָס אין פּאָליציי איז געקומען אַ מחמד'אַנישע יונגע פרוי און האָט געמעלדעט: דאָס ביי איהר איז פאַרפאַלען געוואָרען אַ קליינע טאָכטער. זי איז חושד די יהודים אַז זיי האָבען איהר גע'גנב'ת און געוויס וועלען זיי איהר קוילען צוליב זייער רעליגיאָזען צוועק נעמליך: נעהמען איהר בלוט אַיינצוקנעטען אין זייערע מצה. בכן פערלאנגט זי אַז פּאָליציי זאָל איהר געבען הילף צו זוכען איהר טאָכטער'ל.

יוסף: אַלטע פערשימעלטע פערזויערטע מעשיות. וועלכער קלוגער אָרדענטליכער מחמד'אַנער וועט דאָס היינט אַזאַ נאַרעשען ליגען גלויבען?

דוד: עס זענען אָבער פאַראן פיל מחמד'אַנער ניט קלוגע און ניט אָרענ־טליכע און אַפילו דער קלוגער וואָס פאַרשטעהט די פאַלשקייט פון „עלילת דם" מאַכט ער זיך ניט פערשטעהענדיג כדי די אָרעמע באָרפוסע מאַחמד'אַנער זאָלען האָבען אַנ'אויסרייד צו בערויבען דעם אידישען פאַרמעגען און ניט בעשטראָפט צו ווערען דערפאַר.

עמנואל: עס קאָן זיין אַז די ווייסע חברה לייט מיינען דערמיט צו מאַכען אַ פאָגראָמעל. אָבער הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל. וואָס קאָן אַ מענש אונז טהון?

יוסף: זאָגט דאָס ניט, ר' עמנואל, אַ מענש קאָן דעם צווייטען זעהער פיל שלעכטעס טהון, בפרט אַ חברה באָרפוסע, ווען זיי צוהיטצען זיך איז זעהר געפערליך, אָט האָב איך בעקומען אַ בריעף פון מיינעם אַ גוטען פריינד וואָס וואָהנט אין פילדבראש. ער שרייבט וואָס ביי איהם אין שטאָדט האָט פּאַסירט וועגען „עלילת דם", דעם בריעף דאַרף מען לעזען שטעהענדיג ביי דעם כותל מערבי, זאָלען די הייליגע ווענד הערען די אידישע צרות, אפשר אַיז אויך גוט צו לעזען דעם בריעף ביי די מערת המכפלה און ביי דעם קבר פון אונזער מוטער

**רחל**, זאָלען די הייליגע אבות ואמהות געהן צו גאָט בעטען רחמים פאַר די אונ־גליקליכע יהודים, איך ביטע אייך דוד, נעהמט דעם בריעף לעזט (ער גיבט איהם דעם בריעף) איהר זענט דאָך אין קלויז אַ „בעל קורא" אַייך איז פיל גרינגער צו לעזען ווי מיר, לעזט אַז ר' עמנואל זאָל אויך הערען.

דוד (נעהמט דעם בריעף און לעזט):

„מיין ליבער יוסף! ווי איך וועל ענדיגען שרייבען דעם בריעף, וועל איך „געהן אין קלויז בענשען „גומל" איך וועל דאַנקען אונזער גרויסען ליבען גאָט „וואָס האָט מיך מציל געווען פון מערדערישע הענד: דען ביי אונז אין „פילדבראש האָבען די ציגיינער געמאַכט אַ בלבול אויף די יהודים וועלכע „וואָהנען אין שטאָדט, אַז זיי האָבען געקוילעט זייערס אַ קינד צו נעהמען „זיין בלוט אַיינקנעטען אין מצה, וואָס זאָל איך דיר שרייבען. אין אַלע „גאסען האָבען גערונען אידישעס בלוט מיט זייערע ווייך, שנאַפס, ביר און „נאָך צוזאמען, פוך און פעדערן מיט פערשידענע סחורה האָבען זיך דאָרט, „געוויקט. די ציגיינער האָבען געשלאָגען נעגעל אין די אידישע קעפ „אויפגעשניטען די בייכער ביי די אידישע שוואַנגערע פרויען, אַרויסגע־„נומען די קינדער זיי צוטרעטען מיט די פיס און אָבגעגעבען צו די הזרים, „אין די בייכער האָבען זיי אָנגעפילט פעדערן פון די אידישע בעטגעוואַנד. „ביי עלטערע מענשען האָבען זיי אָבגעזעגט די הענד און די פיס. ביי „מאַנכע דעם קאָפ. יונגע פרייליינס האָבען זיי געפייניגט. כלות — פער־„מאַטערט.... די שויבען פון אידישע הייזער האָבען זיך אונטערגעגעבען צו „די שטיינער וואָס די ציגיינער האָבען אין זיי געוואָרפען. גרויסע מחנות „באָרפיסע ציגיינער האָבען מיט העק און מיט לאָמען גיעפענט די אידישע „קראָמען, גענומען די סחורה אויף זייערע וועגען. אַוועקגעפיהרט צו זיך „אַהיים. מאַנכע סחורה האָבען זיי פארברענט מיט די אידישע סוחרים „צוזאמען, אָדער צעריסען צוצראָטען, פיל אידישע יונגע פרויען האָבען זיי „געפייניגט מיט גרויס אַכזריות, לסוף האָבען זיי אָבגעשניטען ביי די פרויען „שטיקער פלייש.... און אוועקגעגעבען די רינדער".

עמנואל: (פארשטאפט זיינע אויערן) איך ביטע דיר, דוד, גענוג לעזען דעם בריעף, איך קאָן דאָס ניט הערען, עס ווערט מיך ניט גוט.

יוסף: אַך גרויסער באַרמהאַרציגער גאָט! ווי קאָנסט דו זעהן אַזוי לאנג די' אידישע צרות און שווייגען? וואו זענען דיינע אַמאָליגע נסים ונפלאות און דיין גבורה וואָס דו האָסט געוויזען דיין פאָלק ישראל? וואו איז דיין ר יות? דו בינסט דאָך אונזער פאָטער, וואו איז דיין פאָטער־ליבע? וואו איז דער כרחם אָב על בנים? דו מאַכסט זיך ניט זעהענדיג וואָס עס טהוט זיך אויף דיין וועלט'ל וואָס דו האָסט מיט גרויס גנאָד און מיט פיל באַרמהערציגקייט ב שאַפען דו מאַכסט זיך

נאָר ניט הערענדיג ווי דיינע קינדער שרייען צו דיר: טאַטוניו! האָב אויף אונז רחמנות. גיב אונז ניט איבער אין די הענד פֿון ווילדע מענשען וואָס זיי זענען פיל גרוזאַמער ווי די ווילדע הונגעריגע חיות. דאַכֿט דאָס די געשרייען פֿון דיינע קינ־דער דאַרפֿען דורכֿרייסען אַלע זיבען הימלען און קומען אָן דיין כסא הכבוד, אָבער ליידער, שוין אַזוי פֿיל יאָהרען ליידען דיינע אידען צרות עס נעהמט קיין סוף. עס העלפֿט ניט דער בעטען, אומזאָנסט איז דער וויינען. וואָס טהוסט דו גרויסער שטאַרקער גאָט? דו זיצט זיך אין הימעל און לאַכסט ... דו שפּילסט זיך מיט דעם לויתן... דו פֿערנעהמסט זיך מיט לייטערס מיט מזווג זווגים צו זיין כדי אָרעמע לייט זאָלען געמעהרט ווערען. און די באָרפֿיסע זאָלען האָבען וועמען צושלאָגען. געוואַלד! וואו איז חסד, רחמים. יושר? ווען א מענש. וואָלט אַזוי געטהון וואָלט די גאַנצע „וועלט" פראָטעסטירט געגען איהם.

עמנואל: איך וועל אַייך ערצעהלען אַמעשה שהיה: אַ חסידישער רבי איז אַמאָל מיט זיינע חסידים געזעסען און געקלערט די מעשי ה׳. האָט איין חסיד געזאָגט ווען איך וואָלט זיין גאָט. וואָלט איך געמאַכט פֿון אַלע ימים און טייכען — שפּירט. דער צווייטער חסיד. ווען איך וואָלט זיין גאָט וואָלט איך געמאַכט אַז אויף אלע בוימער זאָלען וואַכסען פֿאַרטיגע בולקעס, ברויט און פֿלייש. דער דריטער חסיד: ווען איך וואָלט זיין גאָט וואָלט איך בעשאַפֿען אַלע בהמות אָהן ביינער און פֿאַרטיגע אויסגעקאָכטע אויסגעבראָטענע. אַזוי האָט יעדער חסיד געזאָגט וואָס ער האָלט געטהון ווען ער זאָל זיין גאָט. צום סוף האט דער רבי געזאָגט: ווען איך וואָלט זיין גאָט וואָלט איך אַלס טהון אַקוראַט ווי אונזער גאָט האָט געטהון דען ווען גאָט האָט אַזוי געטהון מסתמא דאַרף אַזוי זיין. די אידישע צרות איז אויך וואַרשיינ־ליך ניט אומזאָנסט; געווים האָבען די אידען געזינדיגט. —

דוד: ווייסט איהר פֿאַר וואָס גאָטעס צאָרן איז אויסגעגאָסען אויף אידען?

עמנואל און יוסף: נו, נו, אַדרבה זאָג.

דוד: ווייל זיי האָבען ביי דעם חורבן בית המקדש פֿיל בלוט פֿון זייערע אייגענע ברידער פֿאַרגאָסען. דערפֿאַר רעכֿענט זיך גאָט אָפּ מיט אונז ווי דער פסוק זאָגט: פוקד עון אָבות על בנים.

יוסף: אָבער ווי לאַנג דאַרף דער רעכֿנונג געדויערן? שוין אַזוי פֿיל יאָהרען ווי אידישעס בלוט גיסט זיך ווי וואַסער איז דאָס נאָך אַלץ ווייניג? פֿאַר וואָס זענען מיר אַנדערש, ערגער ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער וואָס האָבען פֿערגאָסען בלוט פֿון זייערע אייגענע ברידער פֿיל מעהר ווי מיר בעת חרבן הבית. פֿון דעסטוועגען האָבען זיי ניט אַזעלכֿע צרות ווי אידען האָבען.

עמנואל: מיר יהודים זענען ניט גלייך צו אַלע אַנדערע פֿעלקער, זיי האָבען גע׳ירש׳ת די ברכֿה: „על הרבך תחיה" און מיר — „הקול קול יעקב". מיר טאָרען ניט פֿערגיסען מענשליכע בלוט.

יוסף: נאָך מיינונג לײדען אידען צרות נור דערפאַר וואָס זיי האָבען קיין אייגען לאַנד, קיינע פאָרשטעהער אין די פרעמדע לענדער וואו זיי וואָהנען. אָט למשל: זאָל א טירק בעליידיגען און ווער רעדט שוין שלאָגען בערויבען אַ מענשען פון אַנ'אַנדער לאַנד, האָט דער מענש (דער בעליידיגטער) פאַר וועמען צו קלאָגען, מלוכה לאָזט קיינע שלעכטעס טהון איהר אונטערטהאַן. ניט אַזוי איז ווען אַ טירק זאָל שלעכטעס טהון אַ אידען, איז פאַרפאַלען, ער האָט ביי קיינעם ניט צו בעטען הילף. עס איז ניטאָ ווער עס זאָל ריידען פאַר איהם אַ גוט וואָרט, שטעלט אייך פאַר אַ שטאַדע שאָף אין אַ וואַלד אָהן אַ פאַסטוך, יעדער וואַלד חיה בייסט רייסט טרינקט זייער בלוט פרעסט זייער פלייש .... אָדער שטעלט אייך פאָר: אַ שיף אין מיטען שטורמדיגען ים אָהן אַ שיפס־קאַפּיטאַן. דער שטורמדיגער ים וואַרפט זי הין און צוריק. אַזאַ פנים האָט אַ פאָלק אָהן אַ לאַנד אָהן פאָרשטעהער ....

עמנואל: קינדערלאך רעדט אייך וואָס איהר ווילט איך בין זעהער מיעד וועל איך געהן צו מיר אַהיים אַביסעל זיך אויסרוהען. (אב)

דוד: אויב אַזוי מיין ליבער פריינד, איז דאָך אַ גרויסע קשיא אויף די אידען פאַר וואָס זוכען זיי קיינע מיטלען צו בעקומען א״ץ ישראל פון דעם טירק? דאַכט זיך פאַר געלד איז אַלס מעגליך,

יוסף: צו פערענטפערן די פראַגע, דאַרפען מיר גוט בעטראַכטען די אידישע לאַגע בכלל ובפרט. דאָס איז בעוואוסט אַז אַ גרויסע צאָהל אידען זענען אָרעם. זיי זוכען די טעגליכע ברויט. זיי זאָגען ברוך ה' יום יום. די עטליכע כלומר'שטיגע גבירים וואָס זיי האָבען מזל מ'זאָל זיי רופען מיט דעם נאָמען, זייערע קעפ זענען נאָך מעהר פאַרדרייט .... זיי האָבען קיין צייט צוטראַכטען ניט לטובת הכלל און ניט לטובת הפרט. נאָך אַ טהייל זענען פאַראַן ביי אידען, וואָס זאָגען אַז עס איז גיט ווי יעצט איז. די פרומע און גוטע אידען אויך רבנים מגידים און גלאַט לומדים זאָגען דאָס מיר מוזען וואַרטען משיח זאָל קומען. אין איין פרט האַבען זיי רעכט, דען אויסגלייכען אַלע אידעשע פאַרטייען זיי זאָלען וועלען ווערען אין ארץ ישראל זעלבשטענדיג דאַרף מען האָבען דערצו אַזאַ גרויסע קראַפט ווי משיח האָט .... דאָס איז ניט אַ מענשליכע קראַפט, אָט אַזוי געהען אַוועק פיל יאָהרען אָהן אַ שום פאַרענדערונג לטובת כלל ישראל. און גאָט ווייסט ווען דאָס וועט נעהמען אַ סוף.

דוד: מיך דוכט זיך, ווען עס זאָל זיין אַ פאַל. דאָס דער סולטאַן מיט אַלע מלכים פון דער גאַנצער וועלט וואָלטען זאָגען: מיר גיבען אייך, אידען, אָפּ גאַנץ א״י. ווערט דאָרט זעלבסטשטענדיג ווי אַלע פעלקער, האָב איך שטאַרק מורא אַז אידען וועלען האָבען בזיונות, ווייל זיי האָבען ניט וועמען צו מאַכען פאַר אַ קעניג, מיניסטאָרען, פעלדמאַרשאַלען א. ז. וו. אַ מלוכה דאַרף האָבען.

יוסף: דאָס רעדסט דו ניט פראַקטיש. ביי אידען זענען פֿאַראַן גענוג גרויסע קעפ וואָס וועלען קענען רעגירען. זאָל נור האַלטען דערביי; אָט גיב אַ קוק ווי די גרעסטע פאָעטען האָבען זעהר דייטליך געשריבען אַז עס איז צייט דאָס די אידען זאָלען געהן אין זייער אַלטען היים, ד. ה. אין ארץ ישראל, מסתמא וויסען זיי דאָך אַז דער כלל ישראל וועט קענען הערשען אין זיין לאַנד, ניט ערגער ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער.

(ער נעהמט ארויס פון קעשענע א געדרוקטע לידעל און זינגט):

זאָג מיר איד'ל ברודער מיין
אַון גיב מיר צו ערקלערען:
ווען וועט דער סוף פֿון גלות זיין
דער סוף פון בלוט און טרעהרען.

עס גיבט דאָך יעדער צו
אַז אַזאַ פֿאָלק ווי דו
איז ווערט אַז מען זאָל אַבֿטען.
דיר געבען צוריק
דיין לאַנד און גליק
דיך פֿיר אַ פֿאָלק בעטראַבֿטען.

נו שלאָף מעהר ניט יודעלע
האַלט דיינע אויגען אויף
און פֿון דיין גלות לידעלע
זאָל שוין זיין אַ סוף.
קום, קום ישראליק אַהיים
אין דעם שעהנעם לאַנד אין דיין
קום זשע שנעלער און קלער קיין סך.
זיי אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלייך
ישראָליק ברודער שנעלער קום אַ היים.

דערמאָן זיך נור מיין פֿאָלק ישראל
דיין אַלטען שטאָלץ דיין כבוד;
דו האָסט דאָך אויך געהאַט אַ מאָל
אַ מלוכה אַ בית דוד,
צו האָסט דו דען, זאָג
פֿאַרגעסען דעם טאָג

ווען געוועהן בינסט דו אויך פֿרעהליך
דיין אייגענע ערד
דיין אייגענע שווערד
און אויך דיין אייגענער מלך.

דאַרום הער ישראליק מיין קינד
וואָס איך זאָג צו דיר
אין דער ערד האָב דיין עמלק אַצינד,
און קום אַהיים מיט מיר
קום, קום ישראליק אַהיים,
אין דיין שענעם לאַנד, אין דיין
קום זשע שנעלער און קלעהר קיין סך
ווי אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלייך,
ישראליק ברודער שנעלער קום אַ היים!
ווער קאָן אַצינד דען בלייבען שטיל
ניט שיקען טויזענד קללות,
אויף רומעניע וואָס פלאָגט אַזוי פֿיל
דעם יוד אין זיין גלות.

דעספּאָטישע מאַכֿט
אַ! פֿינסטערע נאַכֿט
זאָג, צו האָסט דו געקלעהרט
אַז עס וועט קומען די צייט
ווען דער יוד וועט פֿון ווייט
דיך זעהען צוקלאַפּט צערשטערט,
אָבער דאַן וועט דאָס יודעלע
שוין האָבען ערוייבֿט זיין גליק
אַצונד זינגט מיט מיר דאָס לידעלע
נו קום אַ היים צוריק,

קום, קום ישראליק אַ היים,
אין דעם שענעם לאַנד, אין דיין,
קום זשע שנעלער און קלעהר קיין סך,
ווי אַ פֿאָלק מיט פעלקער גלייך
ישראליק ברודער שנעלער קום אַ היים.

דוד: דעם פרעכֿטיגען פאַטעריאָטישען ליעד האָט געמוזט זינגען אַ גרויסער *) פּאָעט וואָס די אידעישע לאַגע ריהרט שטאַרק אָן זיינע אינערליכֿע געפֿילען, נור לאָמיר דעם געשפרעך בעזייטיגען, יעצט וויל איך מיט דיר עפּעס אַנדערש ריידען, זאָג מיר, יוסף: דו גלויבסט עפעס אין חלומות? עס טרעפֿט אַז אין שלאָף ווער איך פֿון חלום אַזוי שטאַרק פֿאַרמאַטערט אַז ענדליך ווי איך וואַך אויף פֿון שלאָף בין איך פֿאַרמאַטערט, מיד אַזוי ווי איך וואָלט געטהון די שווערסטע אַרבייט.

יוסף: געדיינקסט דו וואָס דיך חלום'ת זיך?

דוד: יאָ, איך געדיינק אַקוראַד, אָט למשל: די פֿערגאַנגענע נאַכֿט האָב איך געזעהען אין חלום אַ מערקווירדיגע זאַך.

יוסף: מסתמא האָסט דו דערפֿון געטראַכֿט ביי טאָג.

דוד: חלילה, אַזאַ זאַך קאָן מיך ביי טאָג גאָר ניט קומען אויף מיינע געדאַנקען, איך האָב דערפֿון קיין מאָל ניט געטראַכֿט.

יוסף: נו, ערצעהל מיר וואָס האָסט דו געזעהען אין חלום, איך בין נייגיריג צו הערען, אפשר וועל איך בעקומען אַ ניצוץ פֿון יוסף הצדיק און איך וועל דיר פותר חלום זיין.

דוד: איך האָב געזעהען אין חלום ווי גראָבמאַן דער קצב האָט געהאַלטען אין זיין האַנד אַ האַק, די האַק איז געווען אַזוי שאַרף, גרויס און לאַנג אַז מיט איהר האָט גראָבמאַן געקאָנט אָפּהאַקען אַלע אידישע קעפּ מיט איין קלאַפּ. דער שמש עמנואל האָט זיך מיט איהם געראַנגעלט און מיט גרויס מיה און מאַטערנים האָט ער פֿון זיינע הענד אַוועקגענומען די האַק, איך האָב איהם אַ ביסעל געהאָל- פֿען דערצו, בין איך זעהר שטאַרק פֿאַרמאַטערט געוואָרען, איך האָב מיך אויפֿ- געכאַפּט ניט טויט ניט לעבענדיג.

יוסף: מיט דעם קצב איז ניט גאָר גלאַט, איך האָב מורא פֿאַר איהם, איך ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס. עפּעס שרעק איך מיך פֿילייכֿט וויל ער זיך אָן אַלע אידען נוקם זיין פֿאַר דעם חרם.

דוד: און אפשר זענען אַלע חלומות פֿאַלש, וואָס זאָגסט דו, יוסף, עס קאָן זיין אַז די גאַנצע וועלט איז אַ חלום. אָט דאָס וואָס אונז דוכֿט זיך אַז מיר זענען וואַך און מיר טהוען וויכֿטיגע ענינים, איז דאָס נישט מעהר ווי אונז חלום'ת זיך, נור לאָמיר דעם געשפרעך לאָזען אויף אַנאַנדערש מאָל, יעטצט קום מיט מיר זעהען וואָס טהוט דער רב, שלאָפֿט ער נאָך, אָדער ער לערנט שוין?

יוסף: קום לאָמיר געהען (ביידע אב)

## אויפֿטריט עמנואל.

עמנואל: ווי גאָט פֿיהרט זיין וועלט'ל איז גאָר ניט צו פֿאַרשטעהען, דער

*) ר' אברהם גאלדפאדען ז"ל.

קליגסטער מענש קאָן ניט ערקלעהרען, באַרעכנען און וויסען די סודות פון דעם בורא יחיד, אונז מענשעלעך מיט אונזערע קליינע קעפעלעך דוכט זיך אַז עס דאַרף זיין פאַרקעהרט ווי דאָס איז, למשל: אונזער גביר ר' ירוחם איז אַ גרויסער גביר, ער האָט פיל הייזער וועלדער, פעלדער, שיפפען אויף דעם ים און מאַכט גרויסע עסקים, זיין קאַפּיטאל ווערט יעדעס יאָהר גרעסער און גרעסער, ווען ער זאָל האָבען טויזענד קינדער, וואָלט ער זיי אלעמען געקאָנט גליקליך מאַכען, אַזאַ גביר האָט דוקא קיינע קינדער, און איך קבצן דלפון, עני ואביון האָב מקיים געווען די מצוה „פרו ורבו" פינף מאָל דאָפּעלט, די קליינע קינדערלעך לאָזען מיך אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפען, דער וויינט, דער שרייט, איך בין יעצט אַזוי שטאַרק שלעפעריג אַז איך קאָן מיינע אויגען ניט עפענען, איך מוז מיך לייגען אַ ביסעל אָברוהען, ביז דער רב מיט דעם „עולם" וועלען קומען וועל איך חאַפּען אַ דרעמעל.

(ער טהוט אויס זיין ראק לעגט איהם צוקאפּענס, ער לעגט זיך אויף א באנק, שלאפט און חראפּעט שטארק)

### אויפטריט אַטויטער.

(פון דער ערד הויבט זיך אויף אמענש אנגעצויגען אין ווייסע קליידער ווי תכריכים. לויפט שנעל צום שמש, בייגט זיך איין צו זיין אויער און זאגט איהם א סוד. לויפט צוריק לאזט זיך אראפּ אין דער ערד. עמנואל באוועגט זיך הין און הער וואכט אויף פון שלאף, שפּייט אויס דריי מאל. ציטערט ווי פון א גרויסען פראסט. גענעצט, ציהט אויס זיין גאנצען קערפּער).

עמנואל: נו, אַחלום, שרעקליך, עס ציטערן אַלע מיינע גלידער ווי פון אַ שטאַרקען קדחת, אַי ווע, געוואַלד, געוואַלד געוואַלד!

### אויפטריט דודי.

דוד: וואָס שרייט איהר געוואַלד, וואָס האָט אייך געטראָפען?

עמנאל: געוואַלד! איך שריי ניט אומזאָנסט. עס איז געוואַלד צו שרייען, ווען אַנ'אַנדערן וואָלט אַזאַ זאַך געטראָפען, וואָלט ער נאָך פיל העכער געשריען געוואַלד געוואַלד! עס האָט זיך מיך געחלומת אַז אין אָרון קודש ברענט אַ גרויסער רויטער פייער. ער איז זעהר שטאַרק געפעהרליך פאַר דעם גאַנצען כלל ישראל און באַלד — עס וועט לאַנג ניט געדויערן — וועט דער פייער זיך שנעל פאַרשפּרייטען אויף אונזער גאנצע שטאָדט; עס וועלען פאַרברענט ווערען דער רב מיט זיין גאַנצע פאַמיליע מיט אַלע איינוואָהנער אין שטאָדט. אויסער גראָבמאַן מיט זיין פאַמיליע. דער שרעקליכער פייער וועט פליהען פון אונזער שטאָדט אין אַנדערע נאָהנטע און ווייטע שטעדט וואו אידען וואָהנען. די אידישע אָרטאָדאָקסישע קהלות וועלען חרוב ווערען ווי סדום. אַללע ימים און טייכען וועלען ניט האָבען

אַזוי פֿיל וואַסער וואָס זאָלען געווען זיין צו פֿאַרלעשען דעם גרויסען שרעקליכֿען איבערנאַטירליכֿען פֿלאַם פֿייער. אַפֿילו די ערד וואו אַ איד וועט שטעהען ווערט אויסגעברענען· עס וועט פֿון גאַנצען פֿאָלק ניט בלייבען אַ שריד ופליט, נור יעטצט האָב איך נאָך צייט צו פֿאַרלעשען דעם פֿייער אין אָרון קדש. זאָגט, דוד, וואָס קאָן אַזאַ וואונדערליכֿער חלום בעדייטען? איהר זענט דאָך אָהן אַ עין הרע אַ קלוגער און אַ פּראַקטישער מענש, זענט מיר פּותר חלום.

דוד: געוויס האָט איהר געטראַכֿט ביי טאָג פֿון אַ שרפֿה אַ מגפֿה. דערפֿאַר האָט זיך אייך גע׳חלום׳ת אַיינליכֿעס דערצו.

עמנואל: ניין, דוד, דאָס איז ניט ווי איהר זאָגט, דען דאָס ערשטע: וועגען אַ שרפֿה אַ מגפֿה האָב איך קיין מאָל ניט געטראַכֿט· און צווייטענס: דעם גאַנצען שרעקליכֿען וואונדערליכֿען איבערנאַטירליכֿען חלום וואָס איך האָב אייך ערצעהלט, האָט מיר געזאָגט אַ געטליכֿער מאַן· זיין פנים האָט געברענט ווי פֿייער, זיינע אויגען האָבען געשיינט ווי דער ליכֿטיגער מאָרגענשטערן· זיינע שרעקליכֿע ווערטער האָבען אין מיינע אויערן געקלונגען ווי פֿון אַ שטאַרקען דונער, ער האָט מיך געבעטען זעהר שטאַרק דאָס איך זאָל שנעלער אויפֿוואַכֿען און פֿאַרלעשען דעם פֿייער אין אָרון קדש און אויב איך וועל וואַרטען אַ לאַנגע צייט וועט נאָכֿדעם זיין שפעט.... ער מיט זיינע צוויי שטאַרקע הענד האָט מיך אַ שטאַרקען טרייסעל געגעבען האָב איך אויפֿגעוואַכֿט פֿון שלאָף.

דוד: עס וועט קיין שאָדען מאַכֿען אַ קוק צו געבען אין אָרון קדש·

עמנואל: יאָ, דוד, איהר האָט רעכֿט איך וועל אַ קוק געבען אין אָרון קדש (ער נעהמט א ברענענדע ליכט אין האנד און געהט צו נאהנט צום ארון קדש) זעהט נור, דוד, קומט אַהער שנעל, (דוד געהט צו נעהענטער) בעטראַכֿט גוט ווי די טהירלעך פֿון אָרון קדש זענען אָפֿען, ווער האָט דאָס געקאָנט עפֿענען און ניט פֿערמאַכֿען?

דוד: איהר אַליין האָט גיעפֿענט און געוויס פֿערגעסען צו פֿערמאַכֿען·

עמנואל: אפֿשר האָט דאָס דער אַלטער מאַן גיעפֿענט כדי איך זאָל ווערען מעהר אויפֿמערקזאַם (ער קוקט אין ארון קדש) זעהט דוד אַ וואונדערליכֿע זאַך. די פֿלאַש וויין שטעהט ניט אויף דעם אָרט וואו איך האָב איהר אַוועקגעשטעלט, דען שוין פֿיל יאָהרען צייט שטעל איך איהר אַוועק רעכֿטער זייט און יעטצט שטעהט זי לינקער זייט, דאָס איז ניט אַזוי פשוט, עס מוז געוויס זיין עפּעס אַ סימן, וואָס? ווייס איך ניט.

דוד: איהר האָט מסתמא פֿערגעסען דעם אָרט וואו איהר האָט אַוועקגעשטעלט.

עמנואל: חלעבען איך בין ניט שכור און ניט משוגע, איך געדיינק ריכֿטיג אַז איך האָב איהר אַוועקגעשטעלט רעכטער זייט (ער נעהמט ארויס די פלאש

פון ארון קדש בעטראכט איהר גוט) נאָך אַפּיל גרעסערן וואונדער זעהע איך: די פלאַש איז ניט די זעלביגע וואָס איך געברויך איהר שוין פיל יאָהרען. (ער דרייט איהר פון אלע זייטען אין קוקט אויף איהר פאר דאס ליכט) די וויין איז צו רויט. מיך דאַכט זיך אַז דאָס איז ניט וויין נור בלו... בלו.... בלוט, יאָ, אמת'ע בלוט.

דוד: (קוקט אויך אויף די פלאַש) יאָ, ר' עמנואל, איהר האָט רעכט, טאַקע ניט וויין, נור איך וויים ניט וואָס דאָס איז פאַר אַמין משקה (ער נעהמט א גלאז גיסט א ביסעל אריין, ריכט מיט זיין נאז, קעהרט די גלאז פון אלע זייטען) יאָ, יאָ, אמת'ע בלוט.

עמנואל: יעטצט פאַרשטעה איך וואָס דער שרעקליכער איבערנאַטיר-ליכער חלום בעדייט.

דוד: ערקלעהרט מיר וואָס פערשטעהט איהר?

עמנואל: איך פערשטיי אַז דער געטליכער הייליגער טויטער מאַן איז ניט אַנדערש ווי אונזער פאָטער אַברהם, דען אַקוראַט ווי אַברהם אָבינו איז אויס-געמאָלט אויף אַ בילד, אַזוי האָט ער אויסגעזעהן, געוויס איז ער נעקומען ראַטעווען דעם כלל ישראל פון אַ נייעם „עלילת דם", אַזאַ מין „עלילת דם" האָבען נאָך ביז היינט די אידען ניט געהאַט, ער (אַ"אָ) איז געשיקט געוואָרען פון הימעל אָפצו-לעשען דעם פייער וואָס האָט געברענט אין אָרון קדש, וועמעס זכות דאָס איז, וויים איך ניט.

דוד: אַ שענע קשיא האָט איהר געפרעגט: „וועמעס זכות דאָס איז"? ווענין זענען פאַראַן ביי אידען צדיקים. קדושים, אונשולדיגע קליינע קינדער וואָס זייער זכות איז געוויס גרויס.

עמנואל: אויף אונז אידען ווערט אלע מאָל מקוים דער פסוק: ואַף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאַסתים ולא געלתים לכלותם וגו' (ויקרא כ"ו) דאָס איז טייטש: אויך ווען זי אין דער פיינד לאַנד זיינען. האָב איך זי גלייכוואָהל ניט פאַרוואָרפען און עקעלט מיך איהרער ניט, אַלזאָ, דאָס עס מיט איהנען אויס זיין זאָלטע.

דוד: (קוקט זיך אום) זעהט נור ר' עמנואל, דער פענסטער איז אויך אָפען און אַ באַנק איז צוגערוקט נאָהנט צום פענסטער, געוויס איז ער. דער מסור. אַריינגעשפרונגען דורכ'ן פענסטער אין קלויז און צוריק אַרויסקריכען האָט ער צו-געשטעלט דעם באַנק, נו, אַ הוואַט. אַ גוטע שטיקעל אַרבייט.

עמנואל: [קוקט זיך איין אין ארון קדש] די פלאַש וויין איז גאָר ניטאָ, געוויס האָט דאָס געטהון אַ אידישער שונא, ער האָט ביי נאַכט גיעפענט דעם פענ-סטער. אַריינגעקראָכען אין קלויז, גיעפענט די טהירלעך פון אָרון קדש, אַרויס-גענומען די פלאַש וויין, אַריינגעשטעלט די פלאַש בלוט, פון היילינעס האָט ער פערגעסען צו פערמאַכען די טהירלעך פון אָרון קדש און געוויס האָט ער שוין

אָדער ער וועט שפּעטער דערלאַנגען אַ מסירה צו דעם פּחה, איהם בעטען קומען אין קלויז זוכען די פלאַש בלוט, און אַז דער פּחה וואָלט געפינען אין אָרון קדש אַ פלאַש בלוט, וואָלט דאָך זיין דער בעסטער בעוויז אַז אידען ברויכען פרעמדע בלוט צו מצה. יאָ, דוד, איהר האָט רעכט וואָס איהר זאָגט אַז ער איז אַ חוואַט. ער האָט אָפּגעטהון אַ שעהן שטיקעל אַרבייט.

דוד: נאָך מיינער מיינונג איז דאָס ניט אַנדערש ווי אַ אידישע שטיקעל אַרבייט, דען ווען דאָס וואָלט געטהון ניט אַ יהודי, וואָלט ער די פלאַש בלוט ניט אין אָרון קדש בעהאַלטען און ער וואָלט ניט אַרויסגענומען די פלאַש ווייִן. דען ער וואָלט גאָר ניט וויסען אַז אין אָרון קדש שטעהט אַ פלאַש ווייִן. עס איז קענטיג אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרען מיט אַ רעכענונג. קיינער פון די קלויז בעזוכער זאָל ניט קלעהרען וועגען דעם, פּלוצלונג וועלען פּאָליציי קומען אין קלויז זוכען און געפינען די פלאַש בלוט, וועט ווערען אַ נייער גרויסער „עלילת דם" און דערפאַר וועט דער מוסר רייך ווערען ער וועט בעקומען מתנות פון די אידישע שונאים, אָבער יעצט איז זיין האָפנונג צערשטערט געוואָרען. ער וועט נאָך פאַר זיין מסירה בעקומען אַ שטראָף.

עמנואל: אַזוי צו אַזוי, אַ איד, אַ איד, אָדער ניט אַ איד, אַ מכור איז דאָ פאַראַן, געווים איז ער נעגאַנגען צו פּחה מסר'ן אַז ביי אונז אין קלויז איז פאַראַן אַ פלאַש בלוט און אָהנע צווייפעל וועט דער פּחה מיט זיינע בעוואָפענטע דינער קומען צו אונז זוכען די פלאַש בלוט, מוז איך שנעל מקיים זיין ו„בערת הרעה מקרבך". אַרויסטראָגען די פלאַש בלוט און אַריינטראָגען אַ פלאַש גוטען ווייִן. אַוועקשטעלען איהר אין אָרון קדש, נאָכדעם מעג קומען ווער עס וויל זוכען — קומט דוד לאָמיר געהן.

דוד: איך וועל געהן זעהען וואָס טהוט דער רב. וואָס זאַמט ער זיך היינט מעהר ווי אַלע מאָל?

(עמנואל מיט די פלאש בלוט אין האנד און דודביידע אב).

## פארהאנג פאלט

## ענדע צווייטער אקט.

# דריטער אקט.
## ערשטער אויפטריט.

(די זעלבינע קלויז, עמנואל מיט א פלאש וויין אין האנד געהט אריין טאנצענדיג.)

עמנואל (ער דריקט די פלאש וויין צו זיין הארצען און גיבט איהר א קוש) אָ, דו טהייערע פלאַש וויין, דו וועסט אונזער רעטער זיין. משמח לבב אנוש בינסט דו אַלע מאָל, נור יעטצט וועסט דו רעטען פיל יהודים גאָר אָהן אַ צאָהל, דו בינסט יעצט ממש מחיה נפשות רבות, די אידעשע שונאים וועלען פאַרשעמט ווערען, זיי וועלען ניט קאָנען זייער צונג איבערקעהרען (ער שטעלט די פלאש וויין אין ארון קדש אריין, פערמאכט די טהירליך גיבט א קוש דעם פרכת), אַך גרויסער גוטער באַרמהערציגער גאָטט! פאַר וואָס מיר היטען ניט דיינע געבאָט, האָסט דו אונז געוויזען אַ שפיטציגע רוט, וואָס דורך איהר וואָלט פאַרגאָסען געוואָרען פיל אידישע בלוט, אָבער שנעל האָסט דו געמאַכט ווידער גוט, מיט דיין גרויס גענאָד האָסט דו אומגעדרייט דעם ראָד, דער שונא זאָל ניט האָבען אַנ׳אויסרייד, צו טהון אונז שמערצען און לייד.

### אויפטריט דוד.

דוד: איהר האָט שוין בעקומען אַ פלאַש וויין?

עמנואל: יאָ, זי שטעהט שוין אויף איהר אָרט וואו זי דאַרף שטעהען, אַ דאַנק אונזער גבאי, ער האָט מיר די פלאַש וויין געגעבען צו די סדרים (ער פארטראכט זיך).

דוד: וואָס טראַכט איהר אידישער רעטער?

עמנואל: אַ צו גרויסען טיטול האָט איהר מיך געגעבען, איך בין דאָס גאָר ניט ווערטה.

דוד: אַזאַ גרויסען נס איז געטהון געוואָרען דורך אַייך, זענט איהר ווערט דעם גרעסטען טיטול.

### אויפטריט יוסף.

יוסף: האָט איהר שוין געהערט דעם נייעס וואָס פיל מענשען ערצעהלען אַז דער קצב גראָבמאַן מיט זיין זאָהן זענען איבערגעגאַנגען צו דעם מאַחמעדאַנישען גלויבען.

דוד: אַזוי ווי דער כלל ישראל וועט דערפֿון ניט בדלות ווערען. אַזוי וועלען די מאַחמעדאַנער דערמיט ניט פּראָפּיטירען.

עמנואל: זאָג מיר, יוסף, וואָס גיבט נייעס אין די צייטונג?

יוסף: איך פֿלעג אַמאָל ליב האָבען צו לעזען צייטונג. נור היינט טפּוי; (ער שפּייט אויס) פֿון די בלעטער צייטונג ווערט מיר ניט גוט לעזענדיג, זיי שרייבען נור פֿון שיסען, הייגען, שטעכען, ברעכען, און ווען עס חאַפּט זיך אַמאָל אַרויס אַ פֿונק האָפֿנונג, ווערט עס באַלד פֿאַרלאָשען, (יוסף זעטצט זיך לערנען).

דוד: איך זעה אייך ר' עמנואל אַז פֿון פריהער אָן זענט איהר שטאַרק פֿאַרטראַכט, אפשר קאָנט איהר מיר זאָגען די אורזאַכע פֿון אייער טראַכטען?

עמנואל: איך טראַכט און קלעהר ווער האָט אַזאַ גרויסע רציחה געקאָנט טהון, איך וואונדער מיך ווי קאָן אַ מענש. האָבען אַזאַ שלעכטען חאַראַקטער און זיין אַזוי שטאַרק פֿאַרדאָרבען צו וועלען אויסהארגענען אַלע אידען אויף אַ מאָל, פֿאַרניכטען פֿאַרטיליגען אַ גאַנצע פֿאָלק, דען ווען דער פחה—וואָס איהר וועט׳ געווים באַלד קומען אין קלויז זוכען די פֿלאַש בלוט—וואָלט הלילה געפֿונען שטעהענדיג אין ארון קדש, וואָלט ער געווים מקיים געווען דעם פסוק „לא תחיה כל נשמה". און די גאַנצע „וועלט" וואָלט אויף איהם געזאָגט דאָס ער האָט רעכט.

דוד איך וואונדער מיך אויך און קלעהר ווער האָט אַזאַ זאַך געקאָנט טהון? דאַכט זיך מיט די טערקען לעבען מיר פֿריינדליך. מיט די אַראַבער זענען מיר אויך גוטע פֿריינד. אפשר אַ קריסט?

עמנואל: הלילה, די כריסטען האָבען אויך קיין אורזאַכע צו טהון אונז שלעכטעס, מיר האָבען געגען זיי קיינע אונרעכט געטהון. אין געגענטהייל. מיר האָבען געהאָלפען זייערע אָרעמע, געהיילט זייערע קראַנקע, געגעבען גרויסע נדבות אויף אַלם וואָס זיי האָבען פֿון אונז פֿערלאַנגט, אונזער רב זאָל לעבען „זאָגט" אין זיינע דרשות. דאָס יעדער יהודי וואָס האָט געלד און האָט בכח צו שטיצען, דאַרף ער געבען נדבות די כריסטליכע אָרעמע לייט אָהן אַ שום אונטערשייד פֿון די אידישע עניים. און אפשר. עס קאָן זיין אַז די שלעכטע מענשען וועלכע קיין פֿאָלק איז פֿון זיי ניט ריין, ווילען מאַכען אַ נייעס „עלילת-דם" כדי זיי זאָלען האָבען דאָס רעכט צו בערויבען די יהודים און צונעהמען זייער ביסעל פֿאַרמעגען. די מעשה מיט די פֿלאַש בלוט, איז געטהון געוואָרען ניט מחמת שנאת הדת. נור פשוט אַ געלד געשעפֿט און אפשר איז אויף דעם מסור געקומען אַ בייזע שעה רחמנא-לצלן און אַזאַ בייזע שעה קאָן זיין—איך וויל פֿון מיין מויל ניט אַרויסריידען—אַז דאָס קומט אויף אַ יהודי נאָכדעם האָט ער געווים הרטה. אָבער עס ווערט צו שפעט....

דוד: יאָ, אַז אַקליינעם מענשעלע ווערט ענג אין קעפעלע... ווערט ער ערגער ווי אַ חיה-רעה און איז מזיק מעהר ווי אַ חיה-רעה, דען אַחיה-רעה קאָן דאָך נור מזיק זיין איין מענשען און דער שלעכטער מענש קאָן מזיקן פֿיל מענשען אויף אַ מאָל.

עמנואל: די צייט וועט ווייזען ווער דער שלעכטער מענש איז, עס וועט אויף איהם מקוים ווערען דער פסוק בור כרה.... ויפול.

אויפטריט רב מיט די חברה לייט פון שומרים לבקר.

(דער רב רייבט א האנד אן א האנד.

רב: אַך מיך איז שטאַרק קאַלט. דאַכט זיך דאָס אויף דער גאַס איז נאָך ניט אַזוי שטאַרק קאַלט, זאָל דאָס אַפּשר זיין צוליעב די עלטערע יאָהרען? — ניין דאָס איז נור ווייל איך האָב די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען;

עמנואל: ווער האָט אייך, רבי, ניט געלאָזט שלאָפען?

רב: (רייבט די הענד איינע אן די אנדערע) אָט וועל איך אייך ערצעהלען. עס איז פלאי פלאים. די נאַכט וועל איך קיין מאָל ניט פערגעסען, איך פלעג אַלע מאָל גלויבען אַז „החלומות שוא ידברו" אָהן אַ פראַגע צייכען, נור פשוט זייריידען פאַליש, נור די נאַכט האָבען זיי מיך שטאַרק פערמאַטערט, איהר ווילט הערען אַ מעשה נורא? וועל איך אייך ערצעהלען!

אַלע: ערצעהלט רבי, מיר ווילען הערען,

רב: (ער גיבט זיך א קראַטץ אין פאטילניצע) ביז שפעט אין דער נאַכט כמעט נאָך האַלבע נאַכט. מיין האָהן האָט שוין געקרייט און איך בין מיר געזעסען ביי מיין טיש, געשריבען אַ בריעף צו מיינעם אַ בעקאַנטען רב אין פילדאַשקאַטצעמאַנענד דאָרף איך האָב איהם אין מיין בריעף געטרייסט, דען ביי איהם אין שטאָדט איז געווען אַ שרעקליכער גרויסער פאָגראָם, דער אויסרייד איז געווען דער אַלטער בעוואוסטער בלבול „עלילת דם". איך האָב איהם אין מיין בריעף געטרייסט, הגם איך וויים דאָס תנחומים העלפען יענעם ניט בעת זיין טוידטער ליגט פאַר זיינע אויגען. און בפרט פיל טוידטע יהודים וואָס זיי זענען גע'הרג'ת געוואָרען דורך גרויס רציחה, דורך ענוים קשים ומרים. די פאָגראָמשציקעס האָבען דעם רב'ס ווייב און טאָכטער געשענדעט ···· נאַכהער האָבען זיי דאָס הויז פאַרברענט מיט זיי צוזאַמען. נור דער רב איז נצול געוואָרען פון טויט, זיינער אַ נאַכבאַר אַ כריסט האָט אויף איהם רחמנות געהאַט און ער האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און בעהאַלטען.

עמנואל: איך ווינש מיך צו האָבען אַזאַ גרויסען חלק אין גן עדן ווי יענער כריסט וועט האָבען.

דוד: אַ צו גרויסען חלק ווינשט איהר זיך, דער חלק וואָלט זיין גענוג פאַר אונז ביידען.

יוסף: עס איז נעטהיג צו וויסען דעם נאָמען פון דעם כריסט. כדי שבת זאָלען מיר איהם מאַכען אין קלויז „מי שברך".

עמנואל: ער איז — לויט אונזערע חכמים זאָגען — אַ שותף מיט גאָט אין מעשה בראשית. איהר ווייסט, האָבען אַ גרויסען שטאַרקען און רייכען שותף ווי גאָט איז, מעג זיך יעדער מענש ווינשען.

דוד: רבי! ערצעהלט וויטער וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַייך.

רב: אין יענע הויז וואו דער רב האָט געוואהנט, איז אַ איד דורך אַ פענסטער אַרויסגעשפּרונגען. האָבען איהם די הוליגאַנעס געחאַפּט און אָבגעזעגט ביידע פיס. דער איד איז פון גרויס יסורים געשטאָרבען.

עמנואל: אַך אונגליקליכער יהודי, געוויס האָט ער געלאָזען אַ פרוי מיט קינדער.

רב: ניין, זיין פרוי און קינדער זענען אויך גע'הרג'ת געוואָרען דורך גרויס אַכזריות. זיין פרוי איז געווען אין נייענטען מאָנאַט .... האָבען זיי ביי איהר אויפגעשניטען די בויך. איז דאָס קינד אַרויסגעשפּרונגען, האָבען זיי איהם צוטרעטען מיט זייערע פיס און האָבען גענומען די פעדערן פון איהרע בעטגעוואַנד און אַריינגעשטאָפּט צו איהר אין בויך. הכל מן השמים.

יוסף: נו, אונזער שולטאַן שווייגט?

רב: וואָס מיר שולטאַן. ער אין האַרצען האָט אויך אַלע יהודים פיינד, ער ווייזט די שנאה ניט אַרויס, זי ליעגט ביי איהם טיעף אין האַרצען, דערפאַר בעשטראַפען די פּאָגראָמשציקעס וויל ער ניט. נור הערט וואָס ווייטער איז געווען: שרייבענדיג דעם בריעף האָב איך איינגעדרעמעלט, האָט זיך מיך גע'חלום'ת אַז אַ גרויסער פייער האָט פון אָרון קדש אויסגעבראָכען, עס וואָלט געוויס אַלע אידישע הייזער פערברענט געוואָרען, נור דער גליק איז געווען וואָס איין מענש פון קלויז האָט גענומען שנעל די פלאַש ווייו וואָס שטעהט שטענדיג אין אָרון קדש און האָט נעגאָסען אויף דעם גרויסען פייער, האָט דער פייער קיין קראַפט נעהאַט זיך צו פאַרשפּרייטען ווייטער, איז ער פערלאָשען געוואָרען און עס האָט קיין איינציגען יהודי געשאַדעט, איך האָב געוואָלט זעהען דעם אידישען רעטטער ווער ער איז. נור ווי אויף להכעיס האָב איך פּלוצלונג אויפגעוואַכט פון שלאָף.

(עמנואל און דוד קוקען זיך אָן פאַרוואונדערט)

יוסף: רבי! וואָס קאָן אַזאַ וואונדערליכער חלום בעדייטען, וואָס פאַר אַ פתרון זאָגט איהר אויף דעם?

רב: וועגען פתרון וועלען מיר שפּעטער ריידען, יעצט הערט אויס וואָס ווייטער האָט מיט מיך געטראָפען, איך האָב דעם בריעף געענדיגט שרייבען, עס האָט נור געפעהלט איך זאָל מיין נאָמען אונטערשרייבען און חתמנען מיט מיין חתימה, האָב איך אַ צווייטען מאָל זיטצענדיג פערמאַכט מיינע אויגען און איינגעדרעמעלט. האָט זיך מיך געחלום'ת: דאָס דער פּחה בעצמו ובכבודו מיט פיל דינער. פּאָליציי און מאָלדאַטען שלאַכטען די יהודים, נור אַנאַלטער געטליכער מאַן

מאַכט זיי לעבענדיג. עס האָט מיך זעהער שטאַרק געוואונדערט צו זעהען ווי גראָב־מאַן דער קצב מיט זיין תכשיט דער בן יקיר—אַזאַ יאָהר אויף זיין טאַטען—מיט אַ מאַחמעדאַנערין קוקען מיט שאַרפע אויגען אויף דעם שמש—דאָס מיינט מען דיר עמנואל—ווי זיי וואָלטען אַלעבענדיגען דיך וועלען איינשליגען, נור דו לאָזט זיך ניט, גאָר אָהן כעס, אָהן רעש, האָסט דו ביי זיי אַרויסגעריסען די צונגען, אויסגעהאַקט די צעהנער, מקיים צו זיין „שני רשעים שברת". נאַכהער האָסט דו זיי די שרעקליכע אויגען אויסגעשטאָכען. געבונדען זייערע הענד און פיס, אַוועקגעפיהרט זיי צו אַ תליה און אַלע דרייען אויפגעהאַנגען. זיי האָבען מיט אַלע זייערע קרעפטען געשריען: כזבנו. טפלנו שקר, זייערע קולות האָבען געהערט מענשען וואָס וואָהנען אַ עק וועלט. איך האָב געהאַט פון דעם חלום אַ גרויסע הנאה, אַזאַ פערגעניגען וואָס קאָן בעסער ניט זיין. אָט אויף אַ זעלכע מוסרים מיינט דער פסוק „אחרית רשעים נכרתה".

עמנואל: איהר רבי, זאָגט, אַז אַמאָל האָט איהר אין הלומות ניט געגלויבט, נו, און יעצט גלויבט איהר יאָ? האָט אַ חלום וואָס באמת צו בעדייטען? אָדער איהר גלויבט נאָך יעצט אויך ניט?

רב: איך קאָן ניט זאָגען אַז איך גלויב ניט. ווייל אין דער תורה געפינען מיר אמתע חלומות ווי צום ביישפיל יעקב אבינוס און יוסף׳ס חלומות.

דוד: רבי! דאַכט זיך אַז גאָט פלעגט מיט נביאים ריידען אין חלום. איז דאָך אַ סימן אַז אַ חלום איז זעהר וויכטיג און ריכטיג.

רב: הערט ווייטער וואָס מיט מיר האָט די נאַכט געטראָפען: איך האָב דעם בריף אונטערגעשריבען, נאָך דעם האָב איך זיטצענדיג איינגעדרעמעלט, זיהע איך אין חלום ווי אַ גאַנץ גרויסער טיגער איז געקומען צו אונז אין קלויז. זיין מויל האָט ער געהאַלטען אָפען, פון ווייטען האָט זיך געזעהען גראָבע, לאַנגע און שפיטציגע צעהנער. מיט יעדען צאָהן האָט ער געקאָנט טויטען אַ מענשען, ער האָט געקוקט אויף אַלע זייטען ווי ער וואָלט וועלען אונז אַלעמען אַיינשלינגען. פלוצלונג איז געקומען איינער פון אונזער קלויז. ער האָט גענומען די פלאַש וויין וואָס שטעהט אין אָרון קדש, און אַריינגעטריפט עטליכע טראָפען וויין אין זיין אָפענע מויל, האָט ער אָנגעפאַנגען אַנטלויפען פון אונז, נור דריי מענשען האָט ער מיטגעשלעפט, זיי האָבען אַזוי שטאַרק געשריען אַז איך האָב אויפגעוואַכט, מעהר האָב איך ניט געקאָנט שלאָפען, אַך! וואו נעם איך אַזאַ צדיק ווי יוסף איז געוועזן, ער זאָל מיר פותר זיין די חלומות.

עמנואל: זעהט נור, רבי, פרעה דער קעניג אין עגיפטען האָט אין איין נאַכט געזעהען אַ חלום נור צוויי מאָל. איז דאָס געוועזן אמת. קאָן מען פערשטעהען אַז איהר, רבי, האָט אין איין נאַכט געזעהען דריי מאָל אין חלום איז דאָך דאָס געוויס אמת.

רב: דעם געשפרעך וועגען חלומות וועלען מיר בעזייטיגען. יעצט וועל איך אייך ערצעהלען וואָס מיט מיר האָט די נאַכט ווייטער פּאַסירט. הערט אויס עס איז שטאַרק אינטערעסנע: ווי איך האָב אויפגעוואַכט פון מיין דרעמלען האָב איך מעהר ניט געקאָנט שלאָפען. בין איך אַרויסגעגאַנגען פון מיין שטוב אויף דער גאַס, איך האָב געוואָלט געהען אין קלויז. פּלוצלונג האָב איך דערזעהען אַסערקוויר־דיגען נייעס, גראָבמאַן דער קצב איז שנעל געלאָפען צו דעם פחה און איז אַריין צו איהם אין שטוב, אַלאַנגע צייט בין איך געשטאַנען אויף דער גאַס, געוואַרט אויף איהם ער זאָל פון דאָרטען אַרויסגעהען, איך בין אויף דער גאַס אַזוי לאַנג געשטאַנען ביז מיר איז שטאַרק קאַלט געוואָרען בין איך געקומען אַ הער.

עמנואל: וואָס האָט איהר, רבי, איהם בעדאַרפט?

רב: איך האָב איהם געוואָלט זאָגען דאָס מאָרגען פריה וועל איך פון איהם אַראָפּנעהמען דעם חרם, אבער איך האָב איהם ניט געקאָנט ערוואַרטען.

יוסף: וואָס קאָן גראָבמאַן דאַרפען נאָך האַלבע נאַכט ביי דעם פחה? זיין לויפען צום פחה אין דער צייט, איז מיך שטאַרק ניט געפעלען, ווייל דאָס איז ניט גאָר אומזאָנסט. ניט פשוט.... ווי עס ווייזט אויס מיינט ער קיין גוטעס צו טהון מיט אידען, ער האָט געוויס געבראַכט צום פחה אַ געהיימע נאָטה־ווענדיגע מסירה.

רב: וואָס האָבען מיר מורא פאַר איהם? וועלכע שלעכטעס קאָן ער אונז טהון? [עמנואל אן א זייט: יעצט מעג ער זיין א גבור, א חוואט]. מיר אַלע זענען ברוך־השם עהרליכע אידען, מיר גהען בדרך הישר ווי אונזער הייליגע תורה לערנט אונז, געגען די לאנדעסגעזעטצע טהוען מיר אויך גאָר נישט. וואָס קאָן אונז אַ מענש טהון? אַז אונזער גויסער שטאַרקער פאָרכטיגער גאָטט היט אונז, אמת, עס טרעפט אַז מיט איין האַנד שטראָפט אונז גאָט דערפאַר מיט די צווייטע האַנד היילט ער אונזערע וואונדען. אשרי המאמין, וואויל איז דעם מענשען וואָס פערזיכערט זיך אויף גאָט.

עמנואל: איך מוז אייך, רבי, זאָגען דעם אמת אָהן אַ ברעקעל חניפה אַז איהר זייט אַ חכם עדיף מנביא, איהר האָט דעם קצב אַריינגעלעגט אין חרם, ער איז ווערט די שטראָף, סוף מעשה במחשבה תחלה, זיין סוף ווייזט וואָס ער איז פריהער געוועזן.

רב: עס איז פלאי פלאים, דער מענש דאַרף נור מאַכען איין פאַלשען טריט אין לעבען, נאָכדעם ענטווידער ער פאַלט און צוברעכט אַלע זיינע ביינער, אָדער ער פאַרבלאָנדזעט, פאַרקריכט וואו אפילו די שדים קומען אַהין ניט.... ווען ער טהוט נור איין קליינינקע עבירה׳לע איז נאָכדעם עבירה גוררת עבירה, ער ווערט אַ הולטאַי, אַ כל־בו־ניק, אַ עוכר ישראל, כל הצרות ליידען אידען פון אַזעלכע יונגאַצעס, די רעגירונג רעכענט יעדען מסור פאַר אַ איד און זי גלויבט זיינע מסירות, און ער באַנוצט זיך מיט דעם און מאַכט אונגליקליך פיל מענשען.

דוד: מיר דוכט זיך, רבי, אַז דאָס איז ניט אַ כלל, ווייל מיר זעהען פֿיל מאָל דאָס אַ איד זינדיגט נעגען גאָט און נעגען כל ישראל, נאָכדעם ווערט ער אַ בעל תשובה, ד. ה. אַנאָרדענטליכער איד.

רב: דאָס קאָן נור טרעפֿען ביי אַ תלמיד־חכם און אויך ניט אַלע מאָל, דערפֿאַר שטעהט אַ בעל תשובה אַזוי הויך, ווייל דאָס איז אַ זעלטענהייט, אָבער ווען אַ פּראָסטער מענש פֿאַנגט אָן צו זינדיגען ווערט ער ערגער ווי אַ חיה רעה, ער מאַכט אונגליקליך אונשולדיגע מענשען, דורך איהם ווערט שם שמים מתחלל.

עמנואל: עס קאָן זיין אַז גראָבמאַן וויל אפֿשר מסרן אויף אונז כדי זיך נוקם צו זיין אָן אַייך. רבי, פֿאַר דעם ח״ם.

רב: וואָס קאָן ער אויף אונז מסרן אַז מיר האָבען גאָר נישט געזינדיגט.

עמנואל: איך אַ יודען איז ניט שוועהר צו געפֿינען אַ חטא, און אַז עס איז ניטאָ, קאָן אַ מסיר אויסטראַכטען וואָס ניט געשטויגען ניט געפֿלויגען, די יודענ־פֿיינדע הערען צו זיינע ליגען און מאַכען דערפֿאַר אַ פּאָגראָם.

יוסף: דער קצב וויל אַריינלאָזען זיינע גיפֿט צו אונז, ער וויל....

דוד: (שלאָגט איבער זיינע רייד) נו, און אַז ער וויל איז וואָס? מיר לעבען דאָך אין טירקיי, אונזער רעגירונג ערלויבט מהון אלס וואָס עס איז נור ניט געגען די לאַנדעסגעזעטצע ...

רב: אַ בשר ודם פֿרומער איד דאַרף זיך פֿאַר קיין זאַך ניט שרעקען, גאָט היט אונז, ער איז אַ מהייערער שומר, די פֿאַלשע בלבולים ווערען צערשטערט.

עמנואל: אמת, רבי, אונזער גאָט איז שטאַרקער און קליגער ווי אַלע שונאי ישראל.

ליב דראָנג: איך בין אפֿילו דעם קצבס אַנאָהנטער קרוב, קאָן זיין אַז מיינע רייד וועלען אויף אַייך ניט ווירקען, נור איך מוז אַייך זאָגען דעם אמת, איהר, רבי, זאָגט וואָס איהר ווילט, לפֿי דעתי איז אויף דעם קצב אַ גרויסער רחמנות. ער האָט אַ ווייב מיט קינדער וואָס שטאַרבען פֿון הונגער, איהר, רבי, דאַרפֿט געהען אין גאָטטעס דרכים אַזוי ווי ער איז ארחום וחנון, ווי דער פסוק זאָגט ורחמיו על כל מעשיו, אַזוי דאַרפֿט איהר רחמנות האָבען און ניט פֿאַר׳משפטן אַ פֿאַמיליע זאָלען פֿון הונגער שטאַרבען.

רב: איהר הייסט מיר געהען אין גאָטטעס דרכים, דאַכט זיך איך טהוע ווי גאָטט האָט געשריבען אין דער היילגער תורה ובערת הרע מקרבך, ווייסט איהר דען ניט אַז איינער איז מחלל שבת בפֿרהסיא איז ער חוטא ומחטיא את הרבים און פֿון דעסטוועגען ווען ער וואָלט ניט געווען אַ נאַרעשער בעל גאוה, וואָלט ער געקומען צו מיר זיך מתודה זיין און פֿאַרשפרעכען אַז ער וועט פֿרימער ווערען, וואָלט איך דעם חרם באַלד אַראָבגענומען פֿון איהם, ווייל איך האָב איהם קיין שלעכטעס געוואָלט מהון נור אַ שטראַשע געבען.

עמנואל: ווי זע דען? אַ קצב דאַרף וויסען אַז די וועלט איז ניט הפקר.... ער האָט ניט בעדאַרפט פאַרגעסען אַז איהם רעכענט מען אַלס דוהאָוונער איד, זיין געשעפט איז אַזעלכער וואָס פרומע אידען דאַרפען זיין אָן איהם אָנגעטרויט, מעג דער רב געבען אַ כטראַשע.

ליב דראָנג: אַ שענע סטראַשע, יענעם געהט אַרויס די נשמה פון שרעק, ער ווערט אונגליקליך אויף זיין גאַנצען לעבען, עס קאָן זיין ווען איהר, רבי, וואָלט געשיקט איהם רופען וואָלט ער געקומען צו אייך און ער וואָלט חרטה געהאַט אויף דעם חטא צו טראָגען אַ טיכל אין קעשענע אום שבת, עס קאָן זעהער מעגליך זיין אַז ער האָט פאַרגעסען אַז אין שטאָדט איז קיין עירוב פאַראַן.

רב: איך האָב געטהון ווי איהר זאָגט, איך האָב געשיקט מיין שמש איהם רופען צו מיר, דאַכט זיך אַז איך האָב יוצא געווען לכל הדעות, ער אָבער האָט געענטפערט דעם שמש שרעקליכע שענדליכע ווערטער, איך וויל ניט ווידערהוילען וואָס ער האָט געזאָגט .... אויב אַזאַ פיינער בחור בינסט דו—האָב איך ביי זיך געטראַכט, וועל איך דיר ווייזען, ווער פון אונז איז עלטער און שטאַרקער.

ליב דראָנג: הייסט דאָס, רבי, אַז איהר האָט דעם חרם געגעבען ווייל ער האָט אייך באַליידיגט, אויב אַזוי איז דאָך דאָס נור צוליב אייער כבוד, האָט איהר דאָך געווים געקאָנט איהם מוחל זיין.

רב: הלילה וחלילה, ניט פון מיין כבוד וועגען האָב איך דאָס געטהון נור לכבוד התורה, ווען אַ מענש טהוט געגען די תורה מוז ער באַשטראָפט ווערען.

ליב דראָנג: ווען אַ רב וויל געפינט ער אַ היתר, האָט שוין יענער ניט געטהון געגען די תורה.

רב: ווען קאָן אַ רב געפינען אַ היתר? אַז עס איז פאַראַן אַ היתר, אָבער אַז עס איז ניטאָ, קאָן קיין רב געפינען. נור לאָמיר דעם געשפרעך לאָזען אויף אַנאַנדערשט מאָל. יעטצט וועלען מיר געהען אַ היים מבער חמץ זיין. און ווי עס וועט ווערען טאָג וועלען מיר קומען אַהער דאַוונען;

(אלע אב)

פארהאנג פאלט

## ענדע דריטער אקט

# פיערטער אקט.

## ערשטער אויפטריט.

(דער זעלביגער קלויז, עמנואל, דוד און יוסף זיטצען ביי א טיש; האלטען פאר זיך אפענע גמרא'ס, שאקלען זיך הין און הער און זינגען א נגון ווי עס ווערט געלערנט גמרא.)

דוד: פֿאַר וואָס מיר וועט קומען שכר אויף יענע וועלט פֿאַר מיין לערנען, וויים איך ניט, מיר דוכט זיך אַז דעם שכר הלימוד נעהם איך אָפּ אויף דער וועלט, דער גרעסטער מיליאָנער איז ניט אין שטאַנד ביי מיר אָפּצוקויפֿען דעם תענוג וואָס איך האָב פֿון מיין לערנען, איין מינוט קורת רוח פֿון לערנען איז ביי מיר טהייערער ווי אַלע גרעסטע פֿערגניגען וואָס זענען פֿאַראַן אויף דער גאַנצער וועלט.

יוסף: דו זאָגסט אַפילו גאַנץ ריכֿטיג, פֿון דעסטוועגען וועלען די לערנער בעקומען שכר אויף יענער וועלט, ווייל דאָס איז אַקוראַד ווי אַ מענש וואָס געהט אַריין אין אַ גרויסען בשמים געשעפֿט און ער בלייבט דאָרטען אַ לייננערע צייט ציהען אָן זיינע קליידער דעם ריח פֿון די בשמים. די זעלביגע איז מיט די נשמה. ווען דער גוף לערנט תורה. ווערט זי אָנגעצויגען מיט דעם ריח התורה וואָס זי האָט דערפֿון גרויס פערגניגען אויף יענער וועלט און דער גוטער געשמאַקער ריח ווערט קיין מאָל ניט אָבגעשאַלט. אָט דאָס איז דער שכר אויף יענע וועלט פֿאַר דעם לערנען.

עמנואל: דערפֿון פֿאַרשטעה איך: ווען דער גוף זינדיגט. ווערט די נשמה אָנגעצויגען מיט אַ שלעכֿטען ריח, אַלע ריינע נשמות אַנטלויפֿען פֿון איהר. זי האָט דערפֿון גרויסע יסורי הנפש וואָס אַ מענש ווי לאַנג ער לעבט קאָן דאָס גאָר ניט פאַרשטיין.

(עס הערט זיך גרויסע קלעפּ אין טהיר)

עמנואל: דאָס איז קלעפּ פֿון ידים ידי עשו (אלע דריי קוקען דורכן פענסטער).

דוד: אהאַ, פאָליציי סאָלדאַטען און דער פחה בעצמו ובכֿבודו האָבען אַרומגערינגעלט אונזער קלויז. זיי וועלען זוכֿען אַ נעכֿטיגען טאָג.

יוסף: זעהט נור, גראָבמאַן מיט זיין בן-יקיר מיט אַ יונגע פֿרויענצימער זענען אויך אין מיטען. איך האָב מורא, עס פֿאַלט אויף מיך אַ אימה ופחד. טאָמער צעפּען זיי אונז.

דוד: פֿאַר פאָליציי איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען, אַנעהרליכֿען מאַן צעפּען זיי קיין מאָל.

(זיי הערען שטארקערע קלעפּ אין טהיר)

עמנואל: קאָפּ אָן וואַנד! וואָס פֿאַר אַ בייזע קלאַפּענעס אויף זיי? (ער שרייט) ווער איז דאָרטען?

פטמה: (הינטערן טהיר מיט א קוויטש) זידעס! עפֿענט שנעל די טהיר. זאָלען ניט צוברעכֿען מיר די טהיר. זיי טהיילען זיך דאָרטען מיט די חלקים בלוט פֿון מיין ליבע טהייערע אונגליקליכע טאָכֿטערל.

(עמנואל עפענט די טהיר, שפרינגט אפּ פון טהיר צום טיש, כדי
זיי זאלען מיינען אז ער שרעקט זיך)

אויפֿטריט פחה, פאליציי, סאָלדאַטען, גראָבמאַן, וואָלף און פטמה.

פחה: (ער קוקט זיך ארום פון אלע זייטען) דער רב און דער שוחט זענען דאָ נאָר ניטאָ? זאָל געהען איינער איינער פֿון אייך רופֿען דעם רב און איינער—דעם שוחט. איך האָב זיי נעטהיג, זיי וואָהנען ווייט פֿון היר?

דוד: ניט ווייט. קום יוסף מיר וועלען זיי רופֿען:

פחה: איהרביידע זאָלט אויך קומען צוריק. דארום שאַדעט ניט איהר זאָלט האָבען אַ פּאָר באַגלייטער. (ער גיבט א וואונק צו די פאליציי און סאלדאטען זיי זאלען מיט געהען מיט זיי. דוד יוסף מיט צוויי פאליציייסקע און צוויי סאלדאטען אב).

פחה: וואָס טהוסט דו דאָ אין קלויז?

עמנואל: איך בין דאָ אַ שמש;

פחה: שוין לאַנג?

עמנואל: שוין דרייסיג יאהר. פריהער האָט דאָ געדינט מיין זעליגער פאָטער. אַז ער איז געשטאָרבען בין איך געבליבען דאָ אויף זיין אָרט.

פחה: עס קומען אַהער פֿיל מענשען דאַווענען?

עמנואל: אונגעפֿער אַ צעהן מנינים.

פחה: זענען זיי אָרטאָדאָקסען, אָדער רעפֿאָרמירטע?

עמנואל: אַלטמאָדישע פֿרומע יהודים,

פחה: זענען זיי רייך אָדער אָרעם?

עמנואל: ניט רייך נור בכבודיגע מענשען.

פחה: פֿון וואַנען עקסעסטירט די קלויז ווער גיבט די אַלע אויסגאַבען?

עמנואל: יעדער אָרעמאַן גיבט וויפֿיל ער קאָן,

פחה: וואָרום איז קיינער ניטאָ אין קלויז נור איהר דריי?

עמנואל: זיי, דער רב שוחט און נאָך פֿיל יהודים זענען שוין געווען, זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אַ היים אויף אַ ווייילינקע, זיי דאַרפֿען באַלד קומען.

פחה: קומען זיי דאָ אַלע טאָג אַזוי פֿריה?

עמנואל: ניין, נור היינט, ווייל עס איז ערב פסח דאַרף דער רב מיט די גבאים זיך מיישב זיין דאָס ערשטע וואו זיי זאָלען באַקען די מצה שמורה,

און ווער עס זאָל העלפֿען באַקען, דען ניט אויף אַלעמען וויל זיך דער רב אַנטרויען, די מצוה איז שטאַרק הייליג, ווערלט ער אויס נור גרויסע עהרליכֿע אידען.

גראָבמאַן (אן א זייט): ער רעדט נאָך בעסער ווי געוואונשען, עס שטימט מיט מיין מסירה.

פּתה: דו האָסט דאָך געזאָגט „דאָס ערשטע" וואָס איז די צווייטע?

עמנואל: דאָס צווייטע: ערב פּסח האָבען די גבאים מיט דעם רב צו בעזאָרגען די אָרעמע יהודים מיט מצה און וויין, קומען זיי צוזאַמען אין קלויז זיך מיישב צו זיין וועגען דעם ענין.

גראָבמאַן: (אן א זייט) אגב צומהיילט דער רב יעדען זיין חלק בלוט.

עמנואל: דער העדר פּתה האָט מיר שוין געפֿרעגט פֿיל פֿראַגען, איך וו"ל מיך ערלויבען פֿרעגען איין פֿראַגע: וואָס טהוט דער ה' פּתה ביי אונז אין קלויז אַזוי פֿריה? אפשר האָט איהר יאָהר-צייט וועלען מיר טרינקען „תיקון" מערקווירדיג איהר זענט געקומען מיט אַנ'איינענעם „מנין" מענשען נו, צו וואָס דאַרפֿט איהר דעם רב מיט דעם שוחט?

גראָבמאַן: (אן א זייט) באַלד וועט ער אויפֿהערען זיך צו חכמה'נען.

פּתה: חכמות אָן אַ זייט, איך האָב קיין יאָהרצייט און ניט צוליעב דעם האָב איך געבראַכֿט אַמנין מענשען. איך בין אַהער געקומען צוליעב דעם.... מאַכֿען אַאונטערזוכֿונג ביי אייך אין קלויז. וויל איך דאָס דער רב מיט דעם שוחט זאָלען אויך דערביי זיין.

עמנואל: אהא, יעצט פֿערשטיי איך, דער הער פּתה פֿערלאַנגט דאָס מיר אַלע זאָלען העלפֿען זוכען.

פּתה: עס וועט זיין פֿרעהליכֿער איהר אַלע זאָלט זיין דערביי. (א סאלדאט קלינגט מיט קייטען וועלכע ער האלט אין האנד) דען פֿילייכֿט געפֿין איך דאָס וואָס איך בין געקומען זוכֿען. דאַרף איך אייך אַלעמען האָבען ביי דער האַנד, איך וועל אייך אָנטהון מיט נייע קאָסטיומען און די קייטען פֿון אויבען,

גראָבמאַן: (אן א זייט) ביי מיר אייף דעם הויף האָב איך געמאַכֿט אַתליה הויך עס וועט זיין אָרט ווי אַלעמען אויפֿצוהייגען.

עמנואל: (אן א זייט) דער ערשטער המן האָט אויך געמאַכֿט אַתליה — פֿאַר זיך.

אויפֿטריט רב, שוחט, דוד, יוסף, פּאָליצייסקע, סאָלדאַטען,

(דער רב פרייכט ווי איינער וואס ווערט פארמאטערט פון האסטיג לויפען).

פּתה: זאָגט מיר, רבי ברוך, וואָס זענט איהר אַזוי שטאַרק ערשראָקען? ווייסט איהר דען ניט אַז עהרליכע מענשען דאַרפֿען פֿיר פּאָליציי קיין מורא האָבען, וויל אָרדענטליכֿע אונשולדיגע בירגער האָבען מיר ליב, נור אַפֿאַרברעכֿער

אַ מערדער, וואָס טהוט געגען די לאַנדעס־געזעטץ, צום ביישפּיל ער עסט פרעמדע בלוט, דער מענש ווערט בעשטראָפט.

ר ב: איך פרייך ניט ווייל איך שרעק מיך, נור ווייל איך בין צו שנעל גע־לאָפען פון מיין הויז. אויף דער עלטער מאַכט יעדער שנעלער שריט אַ גרויסע ווירקונג און דאָס וועט איהר אַייך הערר פחה איבערצייגען מיט פונפציג יאָהר שפעטער.

ג ר אָ ב מ אַ ן (אין א זייט) אַביסעלע חניפה נור אומזאָנסט! ····

פ ח ה: הערט אויס רבי ברוך וואָס איך וועל אַייך זאָגען: ביז יעצט האָב איך געשעצט אַ יהודים׳שען רב אַלס איש אמת, וויל איך בלייבען ביי מיין גלויבען, אַלזאָ זאָלט איהר מיר זאָגען דעם אמת: לויט די נעזעץ פון אייער תורה דאַרפט איהר האָבען מאַחמעדאַנישע אָדער כריסטליכע בלוט אַיינצוקנעטען אַין אַייערע מצה? אויב אַייער תורה באַפעלט דאָס אַייך צו טהון. דאַרפט איהר ניט בעשטראָפט ווערען, ווייל די תורה איז פון גאָט. איז זי פיל קליגער ווי אַלע מענשען, ווען אָבער איהר וועט מיר דעם אמת ניט זאָגען. איהר וועט פערלייקענען אַז יהודים — וועט איהר זאָגען — ברויכען קיינע בלוט און איך וועל זוכען ביי אַייך אין קלויז און וועל יאָ געפינען מענשליכע בלוט, דאַן וועט איהר מיט אַייער גאַנצע געמיינדע פאַלען דורך מיין שארפען שווערד (ער קלאפט מיט זיין לאנגען שווערד אויף דער ערד) אַלזאָ יעצט עהדער איך פאַנג אָן צו זוכען, האָט איהר צייט זיך מודה צו זיין, און באַשטעטיגען אַז דאָס וואָס גראָבמאַן מיט זיין זאָהן האָבען מיר ערצעהלט איז אמת. איהר האָט גע׳הרג׳ת אַ מאַחמעדאַנישעס קינד.

פ ט מ ה: יהודים, רוצחים, בלוט פרעסער גיבט אָב מיין קינד, ווען ניט שטאַרב איך דאָ פאַר אַייערע אויגען: איך קאָן די צרה ניט ערטראָגען. (צום רב מיט מעהר התפעלות) דאָס בלוט פרעסט איהר, אָבער דאָס פלייש פון מיין קינד עסט איהר דאָך ניט. טו גיבט מיר אָפ איהר טויטען קערפער,

פ ח ה: בערוהיג דיך נאָך אַ ביסעלע, איך וויל הערען וואָס דער רב וועט מיר ענטפערן. (צום רב) נו: רבי וואָס זאָגט איהר, רעדט, אויב איהר האָט וואָס צו ריידען.

ג ר אָ ב מ אַ ן: אַ ברירה האָט ער! בעל כרחו וועט ער זאָגען ליגען.

פ ח ה: ניט באַליידיג בעפאָר איך געפין בלוט.

ר ב: אונזער תורה אַסרת אויף אונז צו עסען בלוט אפילו פון אַ בהמה, חיה, און עוף בפרט בלוט פין אַ מענשען טאָרען מיר געוויס ניט עסען.

פ ח ה: „פון אַ מענשען". אונז רעכענט איהר ניט אַלס מענשען ···· לויט אַייער תורה זענען מיר טמאים, ערגער ווי שרצים ורמשים ····

ר ב: אויב עס זאָל זיין ריכטיג ווי איהר זאָגט, וואָלטען מיר דאָך ניט טאָרען זיך אפילו אָנריהרען אָן אייך. בפרט עסען געוויס ניט.

פ ח ה: איינער אַ געלעהרטער פאָרנעהמער מאַן וואָס האָט שטודירט די יהודים׳שע תורה און די גאַנצע ליטעראַטור, דאָס הויפט די אַלטע רעליגיאָזנע

ביזּער, האָט מיר ערצעהלט דאָס ניט אַלע יהודים דאַרפֿען מאַחמעדאַנישע אָדער כריסטליכֿע בלוט אויף פסח, נור די רבנים, צדיקים חסידים א. ז. וו.

ר ב: עס איז ידוע אַז דער נאמען „פֿרומע" רופֿען מיר די יהודים וואָס זענען מקיים די תורה, לסוף וועלען די פֿרומע יהודים טהון פֿערקעהרט ווי עס שטעהט אין דער תורה? דאַכֿט זיך די תורה האָט שטרענג זעהער שטאַרק שטרענג פֿערבאָטען צו עסען בלוט, יעצט באַרעכֿענט מיט אייער גרויסען שׂכל, די תורה איז געגעבען געוואָרען מיט פֿיל יאָהרען פֿריהער ווי דער מאַחמעדאַנישער גלויבען איז געגרינדעט געוואָרען, אין די צייטען פֿון דעם נותן התורה זענען כריסטען נאָך אויף דער וועלט ניט געוועזן, אַלזאָ ווי אַזוי וועט די תורה שרייבען אַז אידען זאָלען געברויכֿען מאַחמעדאַנישע אָדער כריסטליכֿע בלוט?

פ ח ה: דאָס איז אמת, איך אַלס נייגירדע האָב געלערנט דעם חומש, דאָרטען איז געשריבען דאָס „אַ ל ל ע" בלוט איז פֿערבאָטען צו עססען, אָבער די פֿרומע יהודים דאָס הויפט די רבנים האָבען קבלה ספֿרים און דאָרטען איז דייטליך געשריבען אַז אַ פֿרומער יהודי דאַרף מאַחמעדאַנישע אָדער כריסטליכֿע בלוט אַיינצוקנעטען אין מצה שמורה,

ר ב: מיר האָבען קבלה ספֿרים, אָבער זיי האָבען קיינע רעכֿטע מתיר צו מאַכֿען אַ זאַך וואָס די תורה שבכתב האָט בפֿירוש גע'אַסרת, די קבלה ספרים האָבען נור דאָס רעכֿט צו ערקלעהרען דייטליך די דינים וואָס די תורה שבכתב שרייבט ברמז. אָבער זאָגען פֿערקעהרט ווי די תורה שבכתב שרייבט בפירוש, טאָר די קבלה ניט.

פ ח ה: ווי אַזוי קאָנען אַזוי פֿיל מאַחמעדאַנער און כריסטען אויסטראַכֿטען אויף אייך אַזאַ ליגען, אַזאַ פאַלשען בלבול, מסתמא איז דאָך עפּעס יאָ אמת — .

ר ב: פֿון אַלע זייערע פֿאַלשע בלבולים וועגען עלילת דם איז אפילו איין וואָרט אויך ניט אמת. ליגען פֿון אָנפֿאַנג ביז ענדע און אויף אייער פֿראַגע איז אַ פשוט'ער אַנטוואָרט: עס איז ידוע אַז אַ שטאַרקער וויל אַיינטלינגען אַ שוואַכֿערען פאַר איהם, דאָס זעהען מיר ביי אַלע לעבענדיגע בעשעפֿענעס אויף דער גאַנצער וועלט, דער מענש איז אויך אָהנע אויסנאַהמע. נור דער מענש וואָס קאָן יענעם ניט אַיינשלינגען, וויל ער איהם לפחות אונגליקליך מאַכֿען, בערויבען, שטיקען, דריקען, שלאָגען, פייניגען נור אַזוי ווי בעפֿאַלען אויף אונשולדיגע מענשען פאַסט ניט פֿאַר די ציוויליזירטע וועלט .... געפֿינען זיי אַנ'אויסרייד „עלילת דם", ווערט שוין הותרה הרצועה .... אַ בעוויז צו מיינע רייד אַז זיי זענען ריכֿטיג, קאָנט איהר, הערר פחה. לעזען די אַלטע וועלט געשיכֿטע, וועט איהר דאָרטען געפֿינען אַמערקווירדיגען פֿאַקט וואָס איהר אַליין וועט דאָס שטאַרק בעוואונדערן, נעמליך: אין דער צייט וואָס די מאַהמעדאַנער זענען געוועזן שטאַרקער ווי די כריסטען האָבען זיי דעם זעלביגען בלבול „עלילת דם" געמאַכֿט

אויף די כריסטען ווי זיי מאַכען יעצט אויף אונז, אין מאַנכע לענדער ווערט דער יהודי בעשולדיגט אַז ער איז אַ מלאך המות, ער ברענגט אַלערליי קראַנקהייטען אין לאַנד, בכן איז כשר וישר צו בערויבען דעם אידען.

פחה: אָט דער מענש (ער ציינט מיט זיין פינגער אויף דעם קצב) האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין זיסען שלאָף און ער האָט מיר ערצעהלט צוויי וויכטיגע געגענשטענדע נעמליך: דאָס ערשטע: איהר רעכענט איהם אַלס פרומער גאָטטעספאָרכטיגער יהודי, האָט איהר איהם געוואָלט מזבח זיין געבען אַ חלק בלוט אויף פכח און טאַקע היינט פאַרטאָג זאָל ער קומען אַהער אין קלויז נעהמען זיין חלק בלוט, האָט ער מיך מיטגענומען איך זאָל זעהען מיט מיינע אויגען ווי איהר גיבט איהם דאָס בלוט, והשנית: זיין זאָהן וואָלף האָט געזעהען דורכ'ן לאָך פון טהיר וואו עס ווערט די שליסעל אַריינגעשטעקט, ווי איהר מיט נאָך עטליכע יהודים האָבען געקוילעט אַ מאַהמעדאַנישעס קינד און דאָס בלוט אַריינגעגאָסען אין איין פלאַש.

פטמה: יהודים, רוצחים, בלוט פרעסער! גיבט מיר אָפּ מיין ליב קינד, אַם וועניגסטען דעם טויט'ן קערפער, אַניט שטאַרב איך דאָ אויף אַנ'אָרט, געוואַלד, בלוט-פרעסער, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען (זי רייסט זיך די האאר פון קאפּ און שטעלט אויס צוויי קולאקעס, זי וויל שלאגען דעם רב) איך מוז איהם באַלד אויסרייסען די לאַנגע באָרד נאָכדעם דערשטיקען.

פחה: בערוהיג דיך נאָך אַ קליין ווילע. באַלד וועלען מיר אַלס וויסען אויף קלאָהר (צום רב) וואָס ענטפערט איהר אויף די רייד פון די צוויי עדים?

רב: אַלע וויסען דאָס נראָבמאַן איז מחלל שבת בפרהסיא, אַזאַ הפקר מענש קאָן פערקויפען טרפה פלייש אַלס כשרה, דערפאַר האָב איך אויף איהם אַרויפגעלעגט אַ חרם, קויפט קיין יהודי ביי איהם פלייש. זעלבסט פערשטענדליך אַז ער איז שטאַרק אין כעס און זוכט אַ געלעגענהייט צו נעהמ'ן נקמה פון אַלע יהודים, ווי המן הרשע האָט געטהון, צוליב זיין כעס אויף איין מרדכי'ן האָט ער געוואָלט פערטיליגען אַלע יהודים, און אויף די עדות פון זיין כשר קינד קאָן איך אַייך באַלד ווייזען אַז ער זאָגט ליגען.

פחה: איך בין זעהער שטאַרק נייגיריג. וויסען ווי אַזוי קאָנט איהר אַזאַ זאַך באַלד ווייזען?

רב: גאַנץ פשוט, שטעלט איהם אַוועק ביי דער טהיר פון יענע זייט קלויז, זאָל ער קוקען דורך די לאָך פון שלאָס און זאָגען וואָס מיר וועלען דאָ אין קלויז טהון. איך וויים אַז דער וואָס קוקט אין עפענונג קאָן ניט זעהען וואָס עס ווערט אין קלויז געטהון.

וואָלף: (אן א זייט) אַזאַ חכם איז ער, וועל איך מיך נעהמען צו איהם (צום פחה) ערלויבט מיר גרויסער הערר צי ריידען אַ ביסעל מיט דעם רוצח, (ער ווייזט אויף דעם רב).

פחה: איך ערלויב דיר.

וואָלף: זאָגט מיר, איהר בלוט פּרעסער, ווי לאַנג נאָך וועט איהר זיין פּערפיהרטע מענשען זיך האַלטען שטאַרק אָן דעם געפּערליכּען תלמוד. אַלע די וואָס זענען ניט יהודים זאָגען אַז דער תלמוד איז זעהער אַ געפּערליבער כּפר פּאַר אַלע נאַציאָנען וואָס גלויבען ניט אין זיינע רייד, אַפּילו פּאַר פּיל יהודים איז ער אויך אַ שטן המשחית. דען זאָל אַ יהודי טהון די קלענסטע זאַך געגען דעם תלמוד ווערט ער הפקר .... איבער אַ נאַרישקייט וואָס עס איז ניט ווערט צו ריידען דערפּון, למשל: טראָגען אַ שנופּטוך אין קעשענע שבת אַין רשות הרבים אָהן אַ עירוב, מאַכט דער רב יענעם אונגליקליך אויף עוויג, אין תלמוד איז געשריבען אַז פּרומע יהודים דאַרפּען אין מוזען געברויכען מאַהמעדאַנישע אָדער כריסטליכע בלוט אויף פּכח

דוד: (גיבט זיך א טרייסעל מיט אלע גלידער און פאלט איהם אריין אין מיטען ריידען) אַך וואָלף! דאָס איז אַ גרויסער נידערטרעכטיגער ליגען (מיט מעהר התפעלות) אַזעלכע ווערטער דאַרפען ריידען שכורים, משוגעים, עוברי ישראל, וואָס האָבען קיין מאָל ניט געלערנט, נור עס ווילט זיך זיי אונגליקליך מאַכען אונשולדיגע מענשען, (מיט קולות) אין גאַנצען תלמוד זענען אַזעלכע נאַרעשע באַרבאַרישע לעבּערליכע ווערטער ניטאָ, אַפילו אַרמז דרמיזא אויך ניט. אָט זאָל דער גרעסטער תלמודיסט זאָגען דעם אָרט וואו עס געפינט זיך אַזאַ שרעקליכער טיראַנישער דין.

פּחה: אפּשר אין אַנ׳אַנדער קבלה ספר, ווי איך האָב געהערט זענען ביי די רבנים פּאַראַן נאָך הייליגע ספרים אויסער דעם תלמוד, וואָס זיי, די רבנים, רעכענען די ספרים הייליג ווי דעם תלמוד.

רב: אין קיין ספר, ניט אין אַ מדרש, ניט אין זהר ניט ערגעץ וואו זענען פּאַראַן אַזעלכע ווערטער.

וואָלף: אַ מאָל אין די אַלטע גמרא׳ס איז דאָס געווען געוויס געדרוקט; נור אַז די יהודים האָבען אָנגעפאַנגען צו האָבען דערפון גרויסע צרות, האָבען זיי דעם דין ניט געדרוקט מעהר. איך וויים נאָך מעשיות וואָס די יהודים אַליין זאָגען דאָס אַמאָל איז געווען געדרוקט אין תלמוד, נאָכדעם משום דרכי שלום, אָדער מחמת מורא, האָבען זיי דאָס אויסגעמעקט פון תלמוד און אפשר האָט דער צענזאָר דאָס אויסגעמעקט.

יוסף: הערצוים דו עובר ישראל! עס זענען שוין געווען געלעהרטע כריסטען וואָס האָבען געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין די יהודים׳שע אַלטע ליטעראַטור. זיי האַבען געהאַט אַ אויפטראָג פון קענינע און פעבסטע צו זוכען אין די אַלטע גרויסע ביבליותקן וואָס דאָרטען זענען פּאַראַן אַלטע ספרים פון די ערשטע דרוקען באַלד נאָך גוטענבערגס ערפינדונג, די געלעהרטע האָבען געזוכט אין ש״ס. מדרש. זהר. שאלות ותשובות. אין נאָך אַנדערע ספרים וואָס זענען ביי די יהודים הייליג, זיי

האָבען אָבער גאָר נישט נעפֿונען אַפּילו אַ רמז דרמיזא אַז אַ יהודי דאַרף בלוט.

רב: וואָס האָבען זיי זיך צוגעצעפּעט צו דעם תלמוד. ווי קומען אַזעלכע אפּקורסים גאָר דערמאָנען זיין נאָמען?

פתה: נאָך אַלע אייערע אַנטוואָרטען בלייבט דאָך די פֿראַגע ווי אַזוי קאָנען עהרליכע מענשען זיך איינבילדען און גלויבען אַזאַ געפֿעהרליכען בלבול? אָט למשל איך וויל ניט בערויבען די יהודים איך פֿערלאַנג פֿון זיי קיין איינציגען פיאַסטער. פֿון דעסטוועגען גלויב איך אויך אַז רבנים ברויכען בלוט אויף פּסח.

רב: זיך איינבילדען אין אַ זאַך איז גאָר ניט שוועהר, אויב איהר, העדר פּחה, וועט מיך ערלויבען, וועל איך אייך ערציילען אַוואַהרע מעשה וואָס האָט אַמאָל געטראָפֿען.

גראָבמאַן: (אן א זייט) די פֿלאַש בלוט וועט זיין די שענסטע מעשה.

פּחה: ערציילט, דען עהדער איך פֿאַנג אָן צו זוכען בלוט אין קלויז וויל איך אַלס אויסהערען.

רב: אַ פֿרומער יהודי האָט געוואָהנט אין אַ קרעטשמע ניט ווייט פֿון אַ קליין אידישע שטעדטל. די קרעטשמע האָט געהערט צו אַ גרויסען פּאַשאַ אַנ'אמת'ר יודען-פֿיינד. נור זיין קרעטשמער משה האָט געפֿונען חן אין זיינע אויגען, וועיל ער האָט געהאַט פֿון איהם פֿערשידענע נוטצען. משה פֿלעגט איהם לייהען געלד אין אַ נויט, דערפֿאַר פֿלעגט דער פּאַשאַ מאַכען פֿיל עסקים מיט דעם קרעטשמער. משה האָט זיך אין אַלע עסקים אויסגעצייכענט פֿאַר אַ הויפּט עהרליכען מאַן. דערצו האָט משה זעהער ליב געהאַט דעם פּאַשאַ. ער האָט איהם געשעצט און געעהרט, וואָס דער פּאַשאַ פֿלעגט איהם זאָגען איז דאָס געוועזען הייליג, נור פֿון איין זאַך האָט משה געהאַט פֿערדרוס פֿאַר וואָס דער פּאַשאַ זאָגט אַ ליגען: דאָס יהודים ברויכען בלוט אויף פּסח, משה האָט פֿיל מאָל געשוואָרען פֿאַר דעם פּאַשאַ דאָס ער ווייסט דערפֿון ניט, שוועהרענדיג האָט ער געוויינט, דער פּאַשאַ האָט איהם געגלויבט דאָס ער זאָגט אמת ער ווייסט טאַקע דערפֿון ניט, האָט ער געזאָגט דו זאָלסט וויסען, משה, אַז יהודים דאַרפֿען בלוט אויף פּסח. נור וועלכע יהודים? רבנים, מגידים, חסידים, גרויסע בעלי צדקות, די וואָס האָבען אַ שם טוב אַז זיי זענען גוט צו לייטען, פֿרום צו גאָט און גרויסע בעלי סודות, אָבער פּראָסטע יהודים ווי דו בינסט, וויסען טאַקע דערפֿון ניט. דער פּאַשאַ האָט זיין פּשרה עטליכע מאָל ווידערהוילט ביז משה האָט אָנגעפֿאַנגען טראַכטען: אפֿשר האָט דער פּאַשאַ רעכט, און אויב ער האָט רעכט האָב איך דאָך ניט מקיים געווען פּסח ווי די פֿרומע יהודים. דאַרף איך זוכען אַ מיטעל צו בעקומען בלוט אויף פּסח, אַ ווי אַזוי? איך וועל מיר אַנ'עצה געבען אמת איך קאָן ניט ווערען אַ רב אַ מגיד אַ גוטער איד, אָבער אַ בעל צדקה קאָן איך דאָך יאָ ווערען, צו דעם צוועק איז ער געוואָרען אַ גרויסער בעל צדקה, דעם רב פֿון די דערבייאיגע שטעדטיל האָט ער פֿיל געלד געגעבען, מיט דער צייט האָט ער בעקומען אַ נאָמען דער גרויסער בעל צדקה, דער רב האָט איהם געגעבען גרויס כבוד, אַמאָל איז משה געקומען צום רב אַ ביסעל אומעטיג, אויף דעם רב'ס פֿראַגע: פֿאַר וואָס איז ער אַזוי שטאַרק פֿאַרזאָרגט?—האָט ער געענטפֿערט: רבי

איך וויל זיין פֿרום, לערנט מיר ווי צו זיין פֿרום, דער רב האָט איהם געענטפֿערט: אַ יהודי קאָן ניט, דאַרף ניט און טאָר ניט זיין פֿרום, ער דאַרף טהון נור וואָס אין שלחן ערוך איז געשריבען, אַלזאָ זאָגט מיר ר' משה פֿון וואַנען ווייסט איהר אַז אייך פֿעהלט פֿרומקייט? יאָ—האָט משה געענטפֿערט—איך האָב אַ סימן מובהק אַז איהר, רבי, רעכֿענט מיך ניט פֿאַר אַ פֿרומען יהודי, ווען ניט וואָלט איהר דאָך מיך מזכה געווען מיט די גרויסע מצוה געבען מיר אַ חלק מאַחמעדאַנישע אָדער כריסטליכֿע בלוט אויף פסח איינצוקנעטען אין די מצה, אַזוי ווי איהר גיבט אַלע פֿרומע יהודים, דער רב איז נבהל ונשתומם געוואָרען, ער האָט געוואָלט איהם ערקלעהרען אַז יהודים טאָרען קיין בלוט עסען, אָבער משה האָט געזאָגט הערט רבי דעם וואָרט „ניין" וויל איך פֿון אַייך ניט הערען, אויב איהר וועט מיר געבען אַ חלק בלוט אויף פסח וועל איך אַייך רייך מאַכֿען, און אויב ניט קום איך מעהר צו אַייך ניט, גוט—האָט דער רב געזאָגט—צו ערשט מוסט איהר ווערען אַ גרויסער בעל תשובה, נאָכֿדעם וועט איהר צו מיר קומען אַ טאָג פֿאַר ערב פסח, וועל איך זעהן וואָס איך האָב צו טהון, דערווייל זאָל אונזערע רייד בלייבען אַ סוד, איהר טאָרט דאָס קיינעם ניט ערציילען.

גראָבמאַן: אַצו לאַנגע מַעשה, ווי איך פֿאַרשטיי וויל דער רב אָבציהען די אָביסקע ווייל אַ חיה שעה איז אויך גוט.

פּחה: נישט קשה, מיר האָבען גענוג צייט, דאָס בלוט וועט ניט אַנטלויפֿען פֿון קלויז. דען זי איז אַרומגערינגעלט מיט בעוואָפֿענטע סאָלעאַטען (צום רב) ערצעהלט, רבי, אייער אינטערעסאַנטע מעשה.

רב: אַ טאָג פֿאַר ערב-פסח איז משה געקומען צום רב. האָט דער רב צו איהם געזאָגט: קומט מיט מיר אין די גרויסע שול. משה האָט געמיינט אַז אין שול וועט ער איהם געבען דאָס בלוט. זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין שול, האָט דער רב אָנגעצונדען שוואַרצע ליכֿט. אויסגעטהון די פּאַנטאָפֿעל, אָנגעצויגען אַ קיטעל. אַ טלית מיט תפילין, אַרויסגענומען פֿון אָרון-קדש אַ ספֿר תורה, און האָט געזאָגט; איהר משה ווייסט געווים אַז אין די הייליגע ספֿר תורה זענען פֿאַראַן צוויי תוכֿחות. שווער איך ביי די הייליגע ספֿר תורה: אויב אַפילו איין יהודי דאַרף בלוט אויף פסח, זאָלען ביידע תוכֿחות פֿאַלען אויף מיין קאָפּ און אויף די קעפּ פֿון מיין גאַנצע הויזגעזינד. משה איז פֿון גרויס שרעק געפֿאַלען אין חלשות, דער רב האָט איהם קוים מיט גרויס מיה אָפּגעמינטערט, יעצט, רבי גלויב איך אין אייערע רייד. אַצונד הערר פּחה שטעלט אייך פֿאָר, די שונאי-ישראל ערצעהלען זייערע קינדער שרעקליכֿע מעשיות פֿון עלילת-דם אַז די קינדער וואַכֿסען אויס גרויסע איז שוועהר זעהער שווער, כמעט אונמעגליך אויסצורייסען דו איינבילדונגסקראַפֿט פֿון זייער טיפֿען הערצען, דער ליגען מיט די פֿאַנטאַזיע וואָס זיי שטעלען זיך פֿאָר ווי אַ יהודי חאַפּט אַ מחמעדאַנישען אָדער כריסטליכֿען אונשולדיגען קינד און שלאַכֿטען איהם. דער טרויעריגער בילד שטעהט זיי פֿאַר די אויגען, זייער האַס צו די יהודים

ווערט אַלע טאָג שטאַרקער, עס גיבט אויך קלוגע געבילדעטע מאַחמעדאַנער וואָס גלויבען ניט אין „עלילת־דם". אָבער דאָס גלויבען זיי געווים אַז פֿון דעם בלבול וועלען זיי קאָנען בערויבען די יהודים, אָהנע בעשטראָפֿט צו ווערען, נו פֿאַר וואָס זאָלען זיי טאַקע באמת ניט זאָגען אַז זיי גלויבען.

גראָבמאַן: געננוג אייך פלוידערן עס איז צייט צו זוכען בלוט אין קלויז. איהר דאַרפֿט וויסען אַז אַלע אייערע רייד זעננען קיין פרוטה ווערט ווען דער הערר פחה וועט געפֿינען בלוט אין קלויז.

עמנואל: (און א זייט) זאָל ער אַזוי לעבען ווי דער פחה וועט געפֿינען בלוט. (צו גראבמאנען) ווי וועט אָבער זיין אַז דער פחה וועט קיין בלוט געפֿינען?

גראָבמאַן: דאַן לאָז איך מיך אויפֿהייננגען.

דוד: (אין אזייט) אויב אַזוי איז ער שוין אַזוי גוט ווי אויף דער תליה.

וואָלף: אָבער ווען עס וועט יאָ געפונען ווערען בלוט, דאַן וועט דער פחה אייך אַלעמען אויף אַמאָל אויפֿהייננגען.

רב: (הייבט אויף ביידע הענד אין דער הויך) גרויסער גאָטט. וואָס האָבען אונזערע אייגענע יהודים צו אונז. זיי זעננען דאָך ערגער ווי די חיות. אַ טיגער פֿרעסט ניט אַ טיגער אונ אַ יהודי וויל איינשלינגען דעם צווייטען יהודי. צו אַלץ איז דאָ אַ ענדע, ווי דער הייליגער פּאַיעט זאָגט: לכל תכלה ראיתי קץ. נור צו יהודים׳שע צרות נעהמט קיין סוף. די צרות פֿון עלילת־דם אויסער וואָס דער יהודי ליידעט אין גשמיות, ליידעט ער אויך אין רוחניות, דען דער בלבול איז אַ גרויסער בזיון פֿאַר די תורה. באמת ובתמים מוז איך אייך זאָגען ווען אין אונזער תורה וואָלט געווען געשריבען דאָס מענשען בלוט איז אַ מצוה צו עסען, וואָלט איך געווען דער ערשטער וואָס איך וואָלט אַזאַ תורה פֿאַרברענט, אונ דאָס איז אַלץ איינס, דער חומש אָדער די גמרא. אָבער באמת איז תורת ה׳ תמימה משיבת נפש. די יהודים קאָנען מיט זייער תורה שטאָלצירען, ווי דוד המלך זאָגט: ואדברה בעדתך נגד מלכים ולא אבוש, מיט איין וואָרט: אונזער תורה באַפֿעלט אונז צו לעבען פֿרידליך מיט אַלע מענשען, אָבער ניט עסען מענשען בלוט.

פחה: געננוג אונז צו דיספוטירען, די פראַקטיקע איז דע בעסטער אמת, מיר וועלען זוכען, פֿילייכט זאָגט איהר אמת אונ אפשר זאָגט גראָבמאַן אמת.

גראָבמאַן: אַ שיינער אפשר, איך זאָג געווים אמת:

פחה: (צו די סאלדאטען און צו די פאליציי) נו געטרייע דינער. זוכט בלוט אין אַ פלאַש אָדער אין אנאנדער כלי.

(די פאליציי סאלדאטען זוכען אין אלע ווינקעלעך, איין סאלדאט האט געפונען א פלאש מיט שמעק טאבאק).

סאָלדאַט: (איבערגעבענדיג די פלאש דעם פחה) אָט איז דאָס, איך האָב געפֿונען אַ פֿלאַש פֿול מיט...

(פחה נעהמט די פלאש, עפֿענט, לעגט צום נאז ריכט און ניסט. אלע לאכען און שרייען צו געזונד).

גראָבמאַן: זיי זוכען צו לאַנג. זיי האָבען שוין בעדאַרפט לאַנג געפינען:
פחה: מסתמא האָבען זיי גוט בעהאַלטען.

דער עלסטער פאָליציאַנט: גרויסער הערר פחה! מיר האָבען אומעטום געזוכט, אָבער גאָר נישט געפונען.

פחה: (צום רב) ענטשולדיגט, רבי, מיר האָבען אייך בעאונרוהיגט אומזאָנסט, די מוטרים (ער ציינט מיט זיין פינגער אויף גראבמאנען מיט זיין זאהן) וועלען בעקומען אַ גרויסע שטראָף פאַר זייער פאַלשע מסירה.

גראָבמאַן: ערהאַבענער הערר פחה! נאָך אין איין אָרט באַפעלט אייערע דינער צו זוכען, (ער ציינט איהם מיט זיין האנד אויף דעם ארון קדש).

פחה: דער אָרט איז ביי די יהודים הייליג, וועל איך זעלבסט זוכען (צום שמש) נעהם עפען דעם אָרון-קדש. אויב איך טעל דאָרטען געפינען בלוט, וועל איך באַלד אינטערצינדען דעם קלויז און אַלע יהודים וועלכע זענען פאַראַן דאָ וועלען פאַרברענט ווערען.

גראָבמאַן: (אן אזייט) איך וואָלט שוין וועלען דאָס זעהען.

עמנואל: (אן אזייט) דער פייער איז שוין אָבגעלאָשען. (צום פחה) איך טהיע אייער באַפעל. (ער נעהמט א ליכט אברענענדע אין האנד עפענט די טהירל פון ארון קדש דער פחה זוכט און נעמט ארויס אפלאש אפולע).

גראָבמאַן (מיט א הויכע פרעהליכע קול) אָט איז דאָס!

פחה: (צום שמש) וואָס איז דאָ אין פלאַש?

עמנואל: יין קפריסין צו קידוש אונ הבדלה.

גראָבמאַן: שוא וישקר דאָס איז ניט וויין נור בלוט.

פחה: (צום שמש) גיב מיר אַ גלאָז, איך וועל פרובירען זעהען ווער פון אייךביידען זאָגט אמת.

(עמנואל נעהמט ארויס די קידוש גלאז פון ארון קדש. גיבט דעם פחה. ער גיסט אן פון פלאש א האלבע גלאז. ריכט מיט זיין נאז, קוקט פאר א ליכט, זעהער פארזיכטיג פארזוכט ער פון גלאז און גיבט דעם עלטסטען פון פאליציי אונ עטלעכע סאלדאטען פערזוכען.

פחה: נו קינדער, זאגט וואָס איז דאס, בלוט אָדער וויין?

אַלע פערזוכער: אמתר גוטער יין קפריסין.

פחה: (מיט כעס) פאַר וואָס, גראָבמאַן האָסט דו אונז געזאָגט אַזאַ ליגען? דו ווייסט וואָס פאַר אַ שטראָף, לויט געזעטץ, דיר קומט? היינגען איז אַ צו קליינע שטראָף. דו האָסט געוואָלט מיך מאַכען פאַר אַ מערדער, איך זאָל הרגנען אונשולדיגע מענשען אונ אונגליקליך מאַכען דעם כלל ישראל, דו האָסט געוואָלט דיין אייגען פאָ'ק פאַרפלעקען מיט בלוט, אַזאַ פלעק וואָס וואָלט זיך קיין מאָל ניט קאָנען אָבוואַשען, אַך דו פערפלוכטער אונמענש, דו פאַרדינסט דעם טויט (ער ציהט זיין שווערד ארויס פון שייד אונ וויל איהם שטעכען, דער רב האפט איהם אן פאר זיין האנד).

רב: גרויסער הערר, זענט ניט מטמא דעם הייליגען אָרט מיט אונרייניע בלוט.

אויפטריט שמואל מיט עשמה.

עשמה: מוטטער. פאַר וואָס האָסט דו מיך געלאָזען אַליין אין קרעטשמע און דו בינסט אנטלאָפען.

פטמה: (אין אזייט) איך בין אונגליקליך.

שמואל: (מיט א גראבען קול) אָט די מאַחמעדאַנקע (ער וויזט אויף פטמה) מיט דאָס קינד זענען געקומען צו מיר אין קרעטשמע, ביי נאַכט איז זי אַנטלאָפען און דאָס קינד ביי מיר געלאָזען, איך האָב באַלד פערשטאַנען אַז דאָס איז ניט גאָר פשוט, האָב איך דאָס קינד געבראַכט אַהער אין קלויז.

פחה (צו פטמה) פאַר וואָס האָסט דו דאָס געטהון?

פטמה: גראָבמאַן האָט מיך געלד געגעבען דערפאַר.

פחה: און דו וואָלף פאַר וואָס האָסט דו מיך אָבגענאַרט?

וואָלף: גלויבט מיך הערר פחה, דאָס איך בין גאָר ניט שולדיג אין דעם גאַנצען ענין, דער פאָטער האָט מיך באַפוילען אַזוי צו ריידען.

פחה: (צו גראבמאן מיט כעס) זאָג שנעל, דו עוכר ישראל, וועלכע אורזאַכע האָט דיך געבראַכט צו טהון אַזאַ אונערבאַרמליכע רציחה? זאָג דעם אמת, ווען ניט, איז שוין אַסוף צו דיין לעבען (ער פאכט זיין שווערד איבער גראבמאנס קאפ).

גראָבמאַן: איך בין זאָ ווי זאָ פאַרלאָרען, מוז איך פאַר מיין טויט זאָגען דעם אמת, איך בין מיך מודה אַז איך האָב אַפלאַש בלוט אַריינגעשטעלט אין ארון קדש ווייל איך האָב געוואָלט נעהמען נקמה פון רב פאַר דעם חרם, נור איך זיהע יעצט אַז דער שומר ישראל וואָס האָט אַמאָל אַין מצרים מהפך געווען פון וואַסער אויף בלוט, האָט יעצט מהפך געווען פון בלוט אויף וויין.

פחה: (צו די סאלדאטען) שליסט זיי דרייען אין די זעלביגע קייטען וואָס איהר האָט געבראַכט פאַר אונשולדיגע מענשען, פיהרט זיי צו דער תליה וואָס גראָבמאַן האָט געמאַכט אויף זיין חצר, קומט רבי מיט מיר זעהען די מפלה פון דעם צווייטען המן הרשע.

רב: איך קאָן אַזאַ זאַך ניט זעהען, אפילו ניט הערען. (עמנואל אב)

פחה: ענטשולדיגט מיך, רבי, וואָס איך האָב אַייך בעאונרוהיגט, איך האָב נעמוסט קומען צו אַייך אין קלויז זוכען כדי זיך צו איבערציייגען אויב גראָבמאַן זאָגט אמת, דערפאַר זאָגט מיר פיליייכט ווינשט איהר פון מיר אַטובה וועל איך אייער ביטע ערפילען.

רב: צוויי געפעליגקייטען פערלאַנג איך פון אַייך, דאָס ערשטע: איהר זאָלט די גאַנצע געשיכטע מפרסם זיין אויף דער גאַנצער וועלט דורך צייטונגען, און דאָס צווייטע: איהר זאָלט די דריי מענשען ניט האַרגענען, ווייל עס טרעפט אָפטמאָל אַצרה עס קומט אַבייזע שעה אויף אַמענשען טהוט ער די גרעסטע רציחה, נאָכדעם קאָן ער ווערן אַבעל תשובה און ווערט אַנאָרענטליכער מענש.

פחה: אייער ערשטע ביטע וועל איך ערפילען, אָבער די צווייטע ניט,

אייער אייגענע תורה שרייבט „ובערת הרע מקרבך" נאָך אייער פֿאַרטיידיגען די דריי פראָסטע רוצחים, דאַרף אויפֿהערען אַלע שטראָף, דען מיט אזא פֿאַרטיידיגונג וואָס ער „קאָן נאָכדעם ווערען א בעל תשובה" וועלען אין לאַנד געמעהרט ווערען פֿיל פֿאַרברעכער, די דריי מענשען האָבען געטהון ווי המן הרשע האָט געטהון, דאַרפֿען זיי האָבען זיין מפלה.

(די דריי פארברעכער ווערען אין קייטען געשלאסען, דער רב זיפצט עס ווייזען זיך טרעהרען פון זיינע אוגען, ער הערט ניט ווי דער פחה געזעגענט זיך מיט איהם, דער פחה, פאליציי, סאלדאטען, גראבמאן, וואלף, פסמה און עשמה אב)

א בילד: א תליה, מען הענגט די דריי מוסרים

רב: ברידער! ברענגט אַריין די פֿלעשער וויין וואָס מיר האָבען אָנגעגרייט צו די סדרים. היינט מעגען מיר טרינקען עד דלא ידעי, נאָכדעם וועלען מיר געהען אַ טענצעל און זינגען דעם פסוק: „זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו", היינטיגער טאָג בלייבט ביי אונז אַ עוויגער יום טוב אַ צווייטער פורים.

(אויפטריט עמנואל מיט פלעשער וויין, אויך מענער פרויען וואס זענען נייגעריג צו וויסען וואס אין קלויז איז פארגעקומען.)

רב (ער טרינקט וויין) פֿאַרשאָלטען זאָל זיין דער צווייטער המן.

עמנואל: ער איז ניט דער צווייטער, צו אונזער באַדויערן זענען שוין ביי אידען געווען פֿיל מלשינים ווי דער נביא זאָגט מהרסיך ומחריביך ממך יצאו.

דוד: ימח שמו וזכרו!

יוסף: זה חליפתנו,

עמנואל: זה תמורתנו.

שמואל דער קרעטשמער: זה כפרתנו:

רב: אונזער היינטיגער פורים איז נאָך פֿיל געטליכער, וויכטיגער און ערהאבענער ווי דער ערשטער פורים, ווייל היינט האָבען מיר גערעטעט— אויסער אונזער לעבען—די תורה פֿון ביזיונות, עס האָט זיך קלאָהר אַרויסגעוויזען אַז די אידישע תורה איז פשוט משיבת נפש, נור איין זאַך טהוט מיך זעהער לייד פֿאַר וואָס אַ יהודי איז געווען דער מסור און פֿאַר וואָס צוויי אידען האָט דער פחה אויפֿגעהאַנגען.

עמנואל: עס דאַרף אייך, רבי, ניט לייד טהון וואָס צוויי אידען האָבען געמסרת, אין איין פרט איז דאָס בעסער ווי ניט א יהודי וואָלט דאָס געטהון, ווייל אַ ניט יהודי וואָלט אַזא גרויסע שטראָף ניט בעקומען וואָלט דער פרסום אַזוי גרויס ניט געווען.

רב: לאָמיר זיך אַ ביסעלע לוסטיג מאַכען. קינדער! איהר וועט מיך העלפֿען זינגען, אמאָל אין מיינע יונגע יאָהרען האָבען מבינים געזאָגט אַז איך קאָן זינגען, איך וועל מיך פּרובירען אַ ביסעל זינגען. (ער זינגט):

המן'ס גאנץ אלטע בלבולים,
געהען ווייטער אין גלגולים;
גרויסע שונאים ווידערהוילען,
ווארפען פייערדיגע קוילען,
נור די נסים ווערען אויך בעוויזט,
מיט ציינגען זיך אלס גרויסע ליים.

כאהר:

יעדער ווארעמער פרומער איד
מעג זינגען דעם היילינען ליד
יא, יא, יא,
הללוקה, הללוקה הללוקה;

דער רב:

איהר ווערט דעם גאנץ אלטען מערב וואנד'
א זכר פון אונזער גדולה;
מיר וועלען אין גיכען פארגעסען דעם בראנד,
עס וועט שנעל קומען די גאולה,

כאהר:

לאמיר זינגען
עס זאל אין הארצען אריינדרינגען,
לאמיך פרעהליך שפרינגען
עס זאל קלינגען,
א א א
הללוקה הללוקה!

רב:

אלע פעלקער וועלען דערנעכטאהל קלאהר זאגען;
גאטעס נפלאות זענען גרויס
אידען דארפען מעהר נים ווייגען נימר קלאגען,
נענוג גיסען טרעהרען אין כוס,

כאהר:

לאמיר זינגען
פריילך שפרינגען
עס זאל קלינגען
אין הארצען אריינדרינגען
בא בי בא
הללוקה הללוקה הללוקה.

רב:

מיר דארפען דאנקען און לויבען אונזער גאט,
פאר זיין חסד מיט יעדען איד;
ער האט אונז געהיילינט מיט זיינע געבאט
דארף מען צו איהם זינגען א ליד:

כאהר:

לאמיר זינגען
פרעהליך שפרינגען
עס זאל קלינגען
אין הארצען אריינדרינגען
בראווא, בראווא בראווא.
הללוקה הללוקה הללוקה!

(מוזיק שפילט, זיי געהען אלע א מעגצ'ל דער רבי מיט עטנואלך קוסען זיך,
ביידע שרייען מיט אלע זייערע כחות:)

הללוקה הללוקה הללוקה.

פאר האנג פאלט

# ענדע